STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03529

DOS IDISHE DRAMA

David Pinski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

THE JEWISH DRAMA

BY D. PINSKY

דאס

אידישע דראמא

איין איבערבליק איבער

איהר ענטוויקלונג

פון

ד ו ד פ י נ ס ק י.

ארויסגעגעבען פון

ש. דרוקערמאן, 50 קאנאל סטריט, נויארק.

—1909—

דער פֿאַרליגענדיקער קורצער איבערבליק איבער דער ענט־ וויקלונג פון דעם אידישען דראַמא איז ערשיענען אין פֿאַרטזעצונגען אין דער נויאָרקער וועכענטליכער צייטונג „דער ארבייטער“ (די ערשטע פיער קאַפּיטלאַך אין פעברואר און מערץ, די לעצטע דריי אין אוגוסט און סעפּטעמבער פון פֿאַריגען יאָהר). דער רושם, וועלכען ער האָט אָנגעמאַכט אין דער לעזער־וועלט און אין די טעאַטער־קרייזען, די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע פערשיעדענע פֿאַרלעזער איבער דאָס אידישע דראַמא האָבען איהם געשיינקט אַלס מאַטעריאַל פֿאַר זייערע פֿאַרלעזונגען, ברייננגען מיך דערצו, איך זאָל איהם ארויסנעמען פון דער פערגעסענהייט און פֿערלאָרענהייט אויף די בלעטער פון אַ וועכענטליכער צייטונג, אַרויסשניידען עטליכע איבערחזרונגען, וועלכע האָבען געמוזט אריינקומען אין די וועכענטליכע פאַרטזעצונגען, און אַרויסגעבען אין אַ בעזונדערער בראָשורע צו אַ ווייטערער פערשפּריי־ טונג.

האָפענטליך וועט ער זי אויך געפינען, די ווייטערע פערשפרייטונג.

קאַפּיטעל 1.

אידישע אונטעהאַלטונגען. — גאָלדפאַדען.

דריי אַרטען אונטערהאַלטונגען האָט געהאַט די אידישע מאַסע, די מענער און די פרויען, די אַלטע און די יונגע פון דער אידישער מאַסע, אין אָנפאַנג פון די זיעבציגער יאָהרען פון דעם נייגצעהנטען יאהרהונדערט. אין דער צייט, איידער דאַס אידישע טעאַטער איז געגרינדעט געוואָרען. דריי מינים צושטרויאונגען אין דער איינטעניגקייט, אין דער אייביגער גרויקייט און כמורניגקייט פון דער אַלטעגליכקייט:

ד ע ם מ ג י ד, ד ע ם ח ז ן א ו ן ד ע ם פ אַ י אַ ץ.

יעדע אידישע קהילה, אויב נישט יעדע שול, האָט געהאַט איהר מגיד. יעדען טאָג, אָדער לכל הפּחות יעדען שבת, בין מנחה למעריב פלעגט ער זאָגען פאַר'ן עולם פון דער שול־בימה, און גרוים איז געוועזען די צאָהל פון זיינע צוהערער. איינג אָנגעשטעלט, קאָפּ אויף קאָפּ, מידע, אָבגעאַרבייטע, פער'דאגה'טע, אָבער ערנסטע געזיכטער. מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט האָט מען זיך צוגעהערט צו יעדעם וואָרט פון דעם פרומען, שטראָפענדען, מוסר־זאָגענדיגען מגיד, און פערגעסען זיינען געוועזען אַלע דאגות און אַלע צרות פון הויז און גאַס, און פול איז געוועזען די נשמה מיט אַ ביינקענים און אַ ציטער. מיט אַ ביינקענים נאָך דער נשמה־ריינקייט, וועלכע גאָט פאָדערט פון זיינע אידען, און נאָך דעם גרויסען שכר, וועלכען ער פערשפּרעכט פאַר איינהאַלטען די דאָזיגע ריינקייט. און מיט אַ ציטער פאַר גאָט'ס כעס און גאָט'ס שטראָף, מיט וועלכער ער פערשפּרעכט נוקם צו זיין זיך אן די, וועלכע טרעטען אָב פון זיינע גע־

באַטען. — און אויבען פון די פענסטער פון דער ווייבערשער שול האָבען ארויסגעקוקט די פערוויינטע פּנים'ער פון אונזערע באָבעס און אונזערע מוטערס, וועלכע זיינען שטענדיג אַזוי לייכט אויף טרערען. זיי האָבען געוויינט, שלעכט הערענדיג און אויך נישט פערשטעהענדיג. זיי האָבען געוויינט, ווייל זיי האָבען געפיהלט אין פאַראויס דעם אינהאַלט פון דעם מגיד'ס דרשה, ווייל זיי זיינען געקומען צו איהם גוט זיך אויסוויינען, אום צו פיהלען זיך ערלייכטערט און געשטאַרקט צום ווייטערן קאַמפף אין דעם עלענד און נויט.

די גייסטיגע אונטערהאַלטונג פון דער אידישער מאַסע איז געווען דער מגיד. דער טרעגער פון ערנסטע געדאַנקען און דער פערשפּרייטער פון דעם תענוג און נחת־רוח, וועלכע מען האָט פון ערנסטע געדאַנקען. דער גייסטיגער גענוס, וועלכער פלעגט נאָך געשטיגען ווערען, ווען דער מגיד איז געוועזען אַ צוגעפאָהרענער פון איין אַנדער שטאָדט, אַ גאַסטראָלירענדער מגיד. און נאָך מעהר, ווען ער איז געוועזען אַ בעריהמטהייט, איינער, וואָס זיין נאָמען פלעגט לויפען פאר איהם פאַראויס, איינער, וואָס זיין נאָמען איז געוועזען בעקאַנט און בעליעבט ביי אַלעמען. ער פלעגט זיין די גרעסטע געשעהענים אין דער קהילה, אין וועלכער ער האָט אָבגעגעבען זיינע גאַסטראָליען. און דער טאָג פון זיין דרשה איז געוועזען אַ יומא דפגרא, אַ האַלבער יום טוב, אַ בעדייטונגספולער טאָג. —

און יעדע שול האָט געהאַט איהר חזן. וואָס רייכער די שול — אַלץ אַ בעסערען חזן. נישט אַזוי אַ גרעסערען ירא שמים, ווי אַ גרעסערען בעל נגינה. נישט אַזוי אַ בעסערען בעל־עברי, ווי אַ בעסערע „כלי", אַ שענערע שטימע. די שול, וועלכע האָט געהאַט דעם בעסטען חזן, איז געוועזען די בעזוכטעסטע שול. צו איהר פלעגט מען עולה רגל זיין. מען פלעגט אָבדאַווענען דעם ערסטען מנין ביי זיך אין שול, אום צו געהן הערען אין צווייטען מנין דעם בעסערען בעל מוסף אין דער פרעמדער שול. די ימים נוראים און די ימים טובים זיינען געוועזען אַ גרויסע געשעהענים נישט בלויז „אַן און פיר זיך", נישט בלויז צוליעב זייער אייגענער וויכטיגקייט, נור אויך צוליעב די חזנים און זייערע ניגונים. מען האָט געוואַרט ווי אויף

די קאָנצערטס אָדער אָפּערא צייט, די חזנים פלעגען מוזען ארויס־קומען אלע יאָהר מיט נייע ניגונים. ווייל נישט בלויז גוטע בעטער האָבען זיי געמוזט זיין פאר דעם עולם, נור אויך גוטע אונטערהאל־טער פון דעם עולם. און דער עיקר טאקי גוטע אונטערהאלטער. וואָס א בעסערער אונטערהאלטער א חזן איז געוועזען, אלץ מעהר זיכער איז ער געוועזען מיט זיין שטעל. און מען פלעגט וואנדערן פון שול צו שול, צו הערען די פערשיעדענסטע חזנים. די ימים נוראים פלע־גען דורך דעם וועניגער שרעקליך זיין, דער יום־כפור־תענית וועניגער פייניגענד. די נגינה פלעגט לייכטער מאכען אויפ'ן הארצען.

און ווידער איז געוועזען א גרויסע געשעהענים אין א קהילה, ווען עס פלעגט אָנפאָהרען א נייער חזן. און די גרעסטע געשעהענים, ווען דער חזן איז נאָך געוועזען א בעריהמטהייט. די אידען האָבען ליעב מוזיק, און דער חזן איז געוועזען זייער קאָנצערט און זייער אָפּערא. —

אָבער אויך א לאך טון האָבען ליעב די אידען. הארציג א לאך טון, נישט קוקענדיג אויף אלע צרות פון דעם גלות, אויף אלע בי־טערקייטען פון די אייביגע פערפאלגונגען. ווען אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט קומען־אויף אין אייראָפּא די צירקען, ווערען די אידען פון זייערע פליסיגסטע בעזוכער. נישט אזוי צוליעב די קונצען אויף די טראפּעציעס און נישט אזוי צוליעב די רייטערקעס, ביי וועל־כע דער פרומער איד פלעגט מוזען כאָטש לפנים מאכען א קרום, אונצופריעדען געזיכט, ווי דער עיקר צוליעב דעם קלאאון, צוליעב דעם פאיאץ מיט זיין קלאאונישער בעקליידונג, מיט זיין ברעכען־זיך, זיין „חולי־נופלים", זיינע פאיאצסקע גיינג. איינמאל כאָטש גוט אָנלאכען זיך! ביז צום פערגעסען זיך. אָבער דער צירק פלעגט זיין א זעלטענער גאַסט, דערצו נאָך א גויאישע זאך. און יעדע קהילה האָט געהאַט איהרע אייגענע כשרע אידישע פאיאצען, איהרע אייגענע לצים, וועלכע האָבען געמאכט דעם עולם הארציג לאכען. ביז צום פערגע־סען זיך. זיי האָבען געהייסען פּורים־שפּיעלער, און זיי האָבען גע־הייסען ב ד ח נ י ם. בדחנים — „פרעהליך מאכער".

דאָך די בדחנים זיינען געוועזען מעהר ווי בלויז „פרעהליך מאכער".

זיי האָבען פעראייניגט אין זיך אַלע דריי אונטערהאַלטונגס־עלעמענטען פון דער אידישער מאַסע. זיי האָבען געמוזט קאָנען אונ־טערהאַלטען דעם עולם נישט בלויז מיט „מילי דבדיחותא“, מיט פרעהליכע, לוסטיג מאַכענדיגע זאַכען, נור אויך מיט ערנסטע גע־דאַנקען און נגינה. זיי האָבען געמוזט קאָנען מאַכען צום לאַכען, אָבער אויך אַרויסרופען טרערען. אייניגע פון זיי האָבען אין זיך אַפילו גאָר קיין פּאָיאַציִשע שטיק נישט געהאַט, און האָבען אונטערהאַלטען דער עיקר מיט ערנסטע געדאַנקען און נגינה. אליקום צונזער, מיכל גאָרדאָן, וועלוועל זבאַרזער — דריי העכסט ערדעלע געשטאַלטען. אָבער די זיינען שוין געוועזען אויסנאַמען פון דעם כּלל. דער כּלל האָט פער־אייניגט אין זיך אַלע דריי אונטערהאַלטונגס־עלעמענטען. מיט ריה־רענדיגע, האַרצרייסענדיגע גראַמען, איין ערנסטען געזיכט און אַ טרויעריגען ניגון האָבען די בדחנים געקאָנט מאַכען אַ שטיין צוגעהן. מיט וויץ און גרימאַסע, מיט גלייכווערטלעך און קרימענים, מיט רעדען ווי איין אַלטע אידענע און נאָכמאַכען אַ הויקער אָדער אַ זאַאיקע א. ז. וו. האָבען זיי געהאַלטען דעם עולם אין איין לאַכען. אָפט פלעגען זיי אויפפיהרען גאַנצע שטיק, ווי „מכירת יוסף“, „חכמת שלמה“. אָבער נאָך עפטער פלעגען זיי מוזען אימפּראָוויזירען, אליין פערפאַסען עפּעס און אַליין שפּיעלען. זיי זיינען געוועזען די ערסטע אידישע ביהנען־פערפאַסער און די ערסטע אידישע אַקטיאָרען. **זיי זיינען געוועזען די פאָרשטופע פון דעם אידישען טעאַטער.**

און עס איז געוועזען איינער, וועלכער האָט געהאַט אין זיך אַלע דריי אונטערהאַלטונגס־עלעמענטען פון דער אידישער מאַסע. אָבער ער האָט געענדיגט אַ ראַבינער־שולע און איז אַליין געוועזען אַ לייג־געריע צייט לעהרער אין אַ ראַבינער־שולע. דאָס האָט איהם אָבגע־האַלטען פון צו ווערען אַ בדחן. איז ער אַוועק און האָט געגרינדעט דאָס אידישע טעאַטער. דאָס איז געוועזען אברהם גאָלדפאַדען.

דער גרינדער פון דעם אידישען טע־אַטער נעמט דעם בדחן פאַר זיין אויס־גאַנגספונקט. וואָס ער האָט נישט געוואָלט טון אַליין אַלס

בדחן, טוט ער עס מיט זיינע פּיעסען. ער צולעגט, אזוי צו זאָגען, דעם בדחן אויף זיינע דריי אונטערהאַלטונגס־עלעמענטען און טיילט זיי איין פּערשיעדענע פּערזאָנען. ווער עס זאָל פּערטרעטען און אַרויס־זאָגען ערנסטע געדאַנקען, און ווער עס זאָל פּאַיאַצעווען. און אַלע מאַגען זינגען. ער, דער טאַלאַנטפולער, בעגאַבטער מענש, דער גע־שטודירטער און בעלעזענער, האָט נישט אַרויסגעבראַכט קיין קונסט־ווערק, נור אין אַ פּיעסע צוגליעדערטען, אין אַ פּיעסע מגולגל גע־וואָרענעם בדחן. ער האָט אפילו פּערגעסען צו טראַכטען וועגען קונסט, ער איז בלויז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם בדחן אין זיך. איך וועל זאָגען אזוי: ער האָט פּערזייט דעם בדחן און עס זיינען אַרויסגעוואַקסען זיינע פּיעסען. אָדער איך וועל זאָגען: אַז מען זעהט זיינע פּיעסען, מוז מען זיך פּאָרשטעלען, ווי גאָלדפאַדען דער בדחן געפינט זיך פּאַר אונז אויף אַ חתונה און אימפּראָוויזירט, און אונטערהאַלט אונז מיט ערנסטע געדאַנקען, פּאַיאַצסטוואָ און נגינה.

דער אינהאַלט פון זיינע פּיעסען איז קיין אינהאַלט נישט. די מעשה איז גאָר קיין מעשה נישט. עטוואָס קומט דאָ פּאַר אונז פּאַר אָהן קיין שום צוזאַמענהאַנג, אָהן קיין שום סמיכת הפרשה, אָהן קיין שום פּאַר וואָס און פּאַר ווען. מען קאָן דאָך נישט פּאָרדערן פון איין אימפּראָוויזירענדען, פּאַר אונז אין די אויגען פון עלערהויט פּערפּאַסענדיגען בדחן אַ צוזאַמענהאַנג, אַ לאָגישע ענטוויקלונג, אַ קונסטמעסיגע בעאַרבייטונג, אַ ריכטיגע צוזאַמענפּאַסונג פון אַלע חלקים. ער מוז צוזאַמענטשעפּען, ווי עס פּאַלט איהם אין דער מינוט איין, אַבי עס זאָל זיין כלומרסט איין אָנהעב מיט אַ סוף. דער עיקר אָבער, אַבי עס זאָלען זיין ערנסטע געדאַנקען, פּאַיאַצסטוואָ און נגינה. דער עולם וויל אונטערהאַלטען ווערען.

זיינע ערנסטע געדאַנקען זיינען די געדאַנקען פון די בעסערע בדחנים פון זיין צייט. פון אליקום צונזער, צום ביישפּיעל, פון מיכל גאָרדאָן. ער ווי זיי, טרעט אַרויס געגען פּאַנאַטיזמוס און פּאַר בילדונג. ער ווי זיי, קלאָגט אויף די אידישע גלות־יסורים. אָבער די בדחנים, זינגענדיג זייערע ערנסטע געדאַנקען, זייער געגראַמטען מוסר, האָ־בען קיינעם נישט פּאָרגעשטעלט מיט זיך, קיינעם נישט נאָכגעמאַכט.

און יענע גאָלדפאַדענס געשטאַלטען, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון דעם בדחן'ס ערנסטען עלעמענט, שטעלען אויך מיט זיין קיינעם נישט פּאָר, זיינען קיינעם נישט אָבבילד. זיי זיינען קיין מענשען נישט, קיין טיפּען נישט און קיין יחידים נישט. זיי זיינען בלויז ערנסטע געדאַנקען, מוסר השכל'ען אויף צוויי פיס. מיר דאַרפען זיך פאָרשטעלען: גאָלדפאַדענס ערנסטע געדאַנקען זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון זיין קאָפּ, האָבען זיך אוועקגעשטעלט פאַר אונז און זיך אליין אָבגעדעקלאַמירט. נור אַמאָל זיינען זיי ראַזירט, ווי אַ גאַנץ אויפגעקלערטער אַפּיקורוס, און אַ מאָל מיט אַ שיין פערקעמטען באָרד פון אַ בעל־הבית'שען, סטאַטעטשנעם משכיל, און אַ מאָל גאָר אין אַ טואַלעט פון אַ היינט־וועלטיגער מיידעל. זיי דריקען זיך נישט אָב ביי אונז אין קאָפּ, מיר פערגעסען זיי, מיר גלייבען זיי צו קיינעם נישט צו אין לעבען. צו קיינעם נישט פון אַרום אונז. מיר ערוואַרטען נישט, אז מיר וועלען זיי ערגיץ־וואו בעגעגענען. מיר ווייסען, אז דאָס האָט זיך עפּיס אַ מין רוח געטאָפּטשעט פאַר אונז אויף דער ביהנע. מיר געדיינקען בלויז וואָס זיי האָבען געזאָגט. עס איז, ווי אַ געדאַנק וואָלט געוועזען איינגעשלאָסען אין אַ זייפענבלאָז. דער זייפענבלאָז האָט געפּלאַצט, איז פערשוואונדען געוואָרען און נישט איבערגעלאָזען נאָך זיך קיין שום שפּור אין אונזער זכרון. נור דער געדאַנק איז געבליעבען.

ערסט אין זיין פּאַיאַצישען עלעמענט, ערסט ווען ער געהט איבער צום פערהעליך מאַכען דעם עולם, ווערט דער בדחן אַ געשטאַלטער, אַ מענשענפאָרשטעלער. דאָ ווערט ער איין אידענע מיט בלויע ליפּען און אַ מויל אויף שרויפען; דאָ ווערט ער אַ הויקעדיגער שעפּעליעוואַטער מלמד; דאָ ווערט ער אַ הינקעדיגער און זאַאיקער שלים־מזל. ער נעמט אָן אַ פערעמדע גרימאַסע, מאַכט נאָך עמיצען, שאַפט קאַריקאַטורען. און גאָלדפאַדענס געשטאַלטען, וועלכע זיינען אַרויס־געקומען פון דעם בדחן'ס פערהעליך מאַכענדיגען, פּאַיאַצישען עלע־מענט, זיינען קאַריקאַטורען, בדחנישע פערזעהעניסען. אָבער דעם בדחן'ס הומאָר איז פאָלקס־הומאָר, און גאָלדפאַדענס קאַריקאַטורען האָבען אויף זיך אַזוי פיעל פון דעם פאָלקס־הומאָר, אז זיי זיינען

געוואָרען דעם פאָלקס אייגענטום. קוני־לעמעל, שמענדריק, האָצמאַך... דאָס פאָלק האָט איבער זיי געלאַכט זיין גרעסטען געלעכטער, און דאָס מאַכט זיי אונשטערבליך. זיי זיינען געוואָרען גאטונגס־נעמען, נעמען פון א גאַנצען מין שלים־מזל'ס. מיר בעקליידען מיט זיי מענשען פון ארום אונז. עפּעס אַ קוניעלעמעל, זאָגען מיר. אַ שמענדריק, אַ האָצמאַך. ביי זייער גאַנצער אונוואהרשיינליכקייט, ביי זייער גאַנצער אונמעגליכקייט אין לעבען, קוקען מיר זיך דאָך ארום און גלויבען צו בעגעגנען זיי אין אונזער נאָהנטסטער נאָהנטקייט. און אָט די קאַריקאטורען זיינען דער בלייבענדיגער טייל פון גאָלדפאַדענס טעאַטער־שריפטשטעלעריי. אין זיי וועט ער נאָך לאַנג לעבען. און אין דעם פאַקט, וואָס ער איז געוועזען דער ערסטער אידישער טעאַטער־שריפטשטעלער. און אין דעם, וואָס ער האָט געמאַכט שולע.

RADICAL ... OF CIN. O.

קאפיטעל 2.

גאָלדפאַדענס שולע.

אַלע טעאַטער־שריפטשטעלער, וועלכע קומען נאָך גאָלדפאַדענען, געהען אין זיין וועג, טוען איהם נאָך, שאַפען זייערע ווערק נאָך זיין פּלאַן און רעצעפּט: שמ"ר, הורוויץ, לאַטיינער, שאַרקאַנסקי, זייפערט, הערמאַלין, זאָלאָטאַרעווסקי, פּראָפ. יאַקאָבי פון לאָנדאָן — אַ מין שרעקליכע ברואה פון אַ סך קערפּער און אָהן אַ קאָפּ*). — זיי אויך האָבען גענומען די אונטערהאַלטונגס־עלעמענטען, ערנסטע געדאַנקען, פרעהליך־מאַכעריי און נגינה, און צוטיילט זיי פערשיעדענע פּערזאָנען, וועלכע זיי האָבען צוזאַמענגענומען אין מעלאָדראַמען און היסטאָרישע אָפּעראַס. אָבער נישט פערבעסערט האָבען זיי די ארבייט פון גאָלד־פאַדענען, נאָר פערשלעכטערט. נישט פערשענערט האָבען זיי זיין אויפטו, נור פערהעסליכט. די אונטערהאַלטונגס־עלעמענטען זיינען ביי זיי פערגרעבט און ערנידעריגט געוואָרען, און אויך וויניגער אידיש געוואָרען. ווייל די תלמידים פון גאָלדפאַדען האָבען אָנגע־הויבען אָבלערנען זיך פון זייערע גויאישע חברים, נאָכרעדען זיי נאָך זייער מויל און פערזעצען פרעמדע פּלאַנצען אין דעם אידישען גערטענדעל. —

צוערסט זיינען זיי נאָך אין דעם ערנסטען טייל פון זייערע בעשעפּעניסען אַ ביסעל ערנסט געוועזען. די השכלה־צייט האָט נאָך אָנגעהאַלטען. די אידישע קינדער האָבען ערסט אַראָבגעטרייסעלט

*) „פּראָפ. יאַקאָבי פון לאָנדאָן" איז איין אָנגענומענער נאָמען, אונטער וועלכען עס בעהאַלטען זיך פערשידענע שמיערער.

פון זיך א ביסעל דעם שטויב פון די צייטען, פערנאנדערגעריבען די אויגען, וועלכע האבען יאהרהונדערטערלאנג געקוקט נור אויף איין פינטעל. דער קאמפף געגען פאנאטיזמוס און פאר בילדונג איז געווען דאס הויפטטעמא אין לעבען און אין דער ליטעראטור. די אויפקלערונגס־פראזע, און נאך מעהר, דער געשריי געגען די אלטע פאנאטישע אידען, האט געווירקט ווי א כישוף אויף ארויסצורייסען אפלאדיסמענטען. און די תלמידים פון גאלדפאדען האבען א ווייל איבערגעקייט דאס אלטע, ווירקונגספולע טעמא. אבער אויך ווי ער האבען זיי קיין מענשען ניט בעשאפען, נישט קיין טיפען און נישט קיין יחידים. נור זייפענבלאזען, אין וועלכע עס זיינען געווען איינגעשלאסען די אונצעהליגע מאל איבערגעקייטע געדאנקען. וואַרום נישט די קונסט האט אריינגעגעבען זיי זייערע פנעס אין די הענד, און אזוי ווי גאלדפאדען האבען זיי אויך ניט געטראכט וועגען קונסט. זיי זיינען ארויסגעקומען בלויז צו אונטערהאלטען דעם עולם. און זיי האבען אזוי לאנג אונטערהאלטען דעם עולם מיט דעם קאמפף געגען פאנאטיזמוס און פאר בילדונג, ביז די אומשטענדען האבען זיך געביטען. דאס יונגע אידישע טעאטער האט געמוזט אבטראגען זיך פון רוסלאנד און ענטרונען ווערען אין אמעריקא. און אין אמעריקא, וואו יעדער קאן על פי קאנסטיטוציע דינען פריי זיין אייגענעם גאט, איז די השכלה־פראזע שוין נישט אזוי וויכטיג געווען. און גאלדפאדען׳ס תלמידים זיינען געבליבען אהן א הויפטטעמא. קיין נייע אידישע פראגען האבען זיי נישט ארויסגעזעהען, און אין דער פוסטקייט פון זייערע מוחות האבען זיי קיין ערנסטע לעבענספראבלעמען נישט ענטדעקט. אבער זיי זייען נישט געבליבען אין א פערלעגענהייט און פון זייערע פנעס האבען זיי ניט געמאכט קיין נאדלען און שערען, אום צו פערדיענען זייער ברויט מיט עהרליכער שניידער־ארבייט. זיי האבען פארטגעזעצט זייער פיעסען־צושטעלעריי, נור אהן קיין שום סימן פון איין ערנסטען געדאנק אין זיי. און דאס איז געווען, ווייל זיי האבען דערשפירט, אז דער ערנסטער אונטערהאלטונגס־טייל פון דעם אידישען לעבען, דער מגיד, איז אין אמעריקא פערשוועכט געווארען, וואכעדיג גע־

וואָרען, האָט פערלאָרען זיין בעדייטונג. און זיי האָבען געזעהן, אז דער מגיד אליין האָט אין אמעריקא פערלאָרען זיין ערנסטקייט און איז געוואָרען בדחן און אקטיאָר. און זיי האָבען דערזעהן, אז אין דעם הו־הא פון דער אמעריקאנער לעבענסמאכעריי האָט ביסלעכווייז אָנ־געהויבען צו פערשווינדען די ליעבע צו אַן ערנסטען געדאנק און צו דעם גייסטיגען גענוס, וועלכען מען האָט פון איין ערנסטען גע־דאנק. און ווען דאס אלץ האָט זיי אָנגעהויבען קלאָר צו ווערען, האָבען זיי געפונען פאר איבעריג צו אונטערהאַלטען דעם עולם מיט ערנסטע און בעלעהרענדע געדאנקען, און זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון יעדער ערנסטקייט אויף דער סצענע. פאר דער צייט זיינען זיי שוין געוועזען אין די ביליגע טעאַטערלעך אויף דער בויערי און האָבען אָבגעלערנט דאָרטען, ווי צו אונטערהאַלטען דעם „פּראָסטען“ עולם. און פון די דאָרטיגע מעלאָדראמען האָבען זיי אריינגעבראכט אין זייערע בעשעפעניסען די אונמעגליכסטע, גרויזאמסטע געשעהעניסען, וועלכע האָבען געדארפט אָנוואַרפען א שרעק אויף די נאאיווע צו־זעהער און ארויסרייסען ביי זיי טרערען. די דאָזיגע געשעהניסען האָבען פערנומען ביי זיי דעם פּלאַץ פון איין ערנסטען אידישען געדאנק. און אזוי זיינען זיי ניט בלויז שונדיגער געוואָרען, נור אויך ווענינער אידיש. אין זייערע זאכען פון היינטיגען לעבען האָבען זיי קיין שום אידישען געדאנק נישט בעהאנדעלט און קיין שום אידישע פראגע. און זייערע „היסטאָרישע“ אָפּעראס האָבען גאָרנישט גע־האט צו טון מיט דער אידישער געשיכטע, ווי איבערהויפּט מיט גע־שיכטע. דאס זיינען געוועזען איינפאכע שמירערייען פון געדאנקענ־לאָזע קעפּ און פון א ביז צום ערשטוינען ארמער פאַנטאַזיע.

אָדער — זיי האָבען דאָך ענטדעקט א „אידישען“ הויפּטגעדאנק, א „אידיש“ הויפּטטעמאַ. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען אָבצורעכענען מיט די אידישע שונאים, דער עיקר מיט די קריסטליכע גייסטליכע. זיי פלעגען פערפלאָנטען עפּיס א געשעהענים צווישען א אידען און א גרויסען גייסטליכען, איין ערצבישאָף, איין אָבער־אינקוויזיטאָר אָדער גאָר א פּויפּסט, און מאכען דעם גייסטליכען צו שפּאָט און צו שאנד, פּאָרשטעלען איהם אלס איין אויסוואורף שב׳אויסוואורף און

א נאר שב׳נאראַנים און לאָזען איהם מיאוס אַבשניידען פון דעם ערהאַבענעם, וואונדערבארען אידען. אָדער איין אַנדער גרויסער גייסטליכער, מיט דער נשמה פון א צדיק, פלעגט צום סוף אראַב־וואַרפען פון זיך דעם צולם, טרעטען איהם מיט די פיס און ווערען א איד. דאס איז געוועזען א טמאַ, וואָס האָט שטארק געקיצעלט די „אידישע“ געפיהלען פון דער מאַסע. די פרייהייט פון דעם לאַנד האָט געגעבען די פיעסען־שרייבער די מעגליכקייט צו בעהאנד־לען אזא טעמא, און זיי האָבען אויסגענוצט די מעגליכקייט ביז צו הילולות, ווי די שיכורים. זיי האָבען זיך אליין קאָפּירט און איינער דעם אַנדערן, איבערגעחזרט איינס און דאס זעלבע אויף די פער־שיעדענסטע אופנים, האָבען זיך נישט געקאָנט אָנזעטיגען מיט׳ן טייערען ביסען, וועלכען זיי האָבען געפונען.

זיי זיינען געוועזען פּאַיאַצען אין דעם ערנסטען טייל פון זייע־רע פיעסען, און אין דעם פּאַיאַצישען איז דער פּאַיאַץ פער׳כפל־כפלים׳ט געוואָרען. וועדליג גאָלדפאַדען האָט בעשאַפען קאַריקאַטורען פול פון פאָלקסהומאָר, האָבען זיי בעשאַפען נישט מעהר ווי אויסגעלאַסענע ליצנות. זיי האָבען נאָכגעמאַכט גאָלדפאַדענען, ווי א שלעכטער בדחן מאַכט נאָך א גוטען. זייער פּרעהליכקייט איז בעשטאַנען אין איינ־פּאַכען ברעכען־זיך, אין די ביליגסטע קלאָאונישע שטיק. זייער הומאָר — אין ציניזמען, אין ניבול פה, אין גראָבע, צווויידייטיגע און גאָרנישט צווויידייטיגע ווערטלעך. און אויך דאָ, אין דעם פּרעהליכען טייל, זיינען זיי נישט בלויז שונדיגער געוואָרען, נור אויך ווענינגער אידיש. ווייל זייער הומאָר שטאַמט אָב פון אזא אונריינעם אָרט ווי די וואָדעוויל־ הייזער אויף דער באָוערי. —

איינער נאָך דעם אַנדערען זיינען זיי אויפגעשטאַנען, די אָנ־געררופענע פּאָרטזעצער און ווייטערפיהרער פון גאָלדפאַדענס אָנהעב, און איינער איז געוועזען ערגער פאַר׳ן אַנדערן. עס איז געוועזען, ווי זיי וואָלטען געוואָלט אריבערשטייגען איינער דעם אַנדערן אין געדאַנקענלאָזיגקייט און הילולות. ווי זיי וואָלטען זיך געשפּיעלט אין יאַגענים — ווער וועט בעסער קאָנען פערדומען דעם עולם. אַנשטאָט דורכצומאַכען איין ענטוויקלונג פאָראויס אויף דעם וועג צו קונסט

און שיינהייט, האָט דאס יונגע אידישע טעאטער דורכגעמאכט א וועג אויף צוריק און זיך נאָך דערווייטערט פון קונסט און שיינהייט. דאס האָט געמוזט ווערען א געפאהר פאר דער קולטורעלער און גייסטיגער ענטוויקלונג פון די אידישע פאָלקסמאסען. מען האָט זיך געמוזט ווינשען, אז גלייכער וואָלט עס גאָר נישט געבאָרען געוואָרען.

דאָך, אין דער אייגענער צייט, איז א שריפטשטעלער אויפגעשטאנען, וועלכער האָט אויך אָנגענומען גאָלדפאדען׳ס פלאַן און רעצעפט און א רוק געטאָן די ענטוויקלונג פון דעם אידישען טעאטער און דראמא נאָך פאָרווערטס נאָך. דאָס איז יעקב גאָרדין.

קאפיטעל 3.

יעקב גארדין.

צוערסט א קליינע בעמערקונג.

ווען איך האב געזאגט, אז יעקב גארדין האט אנגענומען גאלד־פאדען'ס פלאן און רעצעפט און א רוק געטאן די ענטוויקלונג פון דעם אידישען דראמא נאך פארוועדטס נאך, האב איך נישט גע־מיינט יעקב גארדין דעם פערפאסער, בעארבייטער און פעראידישער פון אזעלכע פיעסען, ווי „די שיינע מרים", „דער שווארצער איד", „די געברידער לוריא", „דער ממזר", „דער גאון" און א סך אנדערע, וועלכע שטעהען אין איין הויך, אדער ריכטיגער אין איין נידריגקייט מיט גאלדפאדען'ס און אפילו מיט לאטיינער'ס פיעסען. ווען ער וואלט נור די פיעסען אליין געשריבען, וואלט דאס אידישע דראמא קיין איין שריט פארוועדטס נישט געמאכט, און יעקב גארדין וואלט קיין אויסנאם־שטעלונג נישט פערנומען. ער וואלט דאן געקאנט בעשפראכען ווערען עם כל הנערים פון דעם צווייטען קאפיטעל. אבער ער האט אויך אנדערע פיעסען געשריבען: „מירעלע אפרת", „גאט, מענש און טייפעל", „קרייצער סאנאטא", „דער אונבעקאנטער" און נאך אנדערע. האלבע קונסט, אבער דאך שוין קונסט.

און נאך א בעמערקונג.

יעקב גארדין, זאגט מען, האט אויפגעשריעבען עפּיס א זיעבציג דראמען. איך קען בלויז א טייל פון זיי. איך גלויב אבער נישט, אז מיין מיינונג וואלט אויסגעפאלען אנדערש, ווען איך וואלט זיי אלע געקאנט. די בעדייטענדסטע, די, וועלכע זיינען אנערקאנט פון אלעמען אלס זיינע בעדייטענדסטע, די קען איך. על כל פנים, דעם

גרעסטען טייל פון זיי. די איבריגע, די, וועלכע זיינען פערזונקען געוואָרען אין פערגעסענהייט, און די, וועלכע זיינען ארויס פון אונטער זיין פען אָבער נישט אונטער זיין נאָמען, אָדער אונטער דעם אין צווייטען קאַפּיטעל דערמאָנטען אָנגענומענעם נאָמען „פּראָפּ. יאַקאָבי פון לאָנדאָן"*) — די אלע זיינען פאר מיר נישט וויכטיג, ווייל איך געה דאָ נישט קריטיקירען זיינע איינצעלנע שטיק איינס אין איינס, אַנאַליזירען זיין גאַנץ לעבענסווערק און אָבשאַצען, וואָס האָט ער אָנגעשריעבען מעהר, שונדזאַכען אָדער קונסטזאַכען. איך קום נור אָנצואווייזען זיין שטעלונג אין דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען דראמא, וואָס האָט ער גענומען פון זיין פאָרגייענגער און וואָס האָט ער אריינגעבראכט פון זיך.

איך מאַך אויך אויפמערקזאַם, אַז איך קען נישט זיין ערסטע דראמע „סיביריען", און מיין אורטייל איבער דעם אָנהעב פון זיין טהעטיגקייט אלס דראַמענשרייבער האָב איך געבויט אויף די פערשיעדענסטע פּיעסען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבען ביז „מירעלע אפרת" — די פּיעסע, וועלכע איך האַלט פאר דעם וויכטיגסטען עטאַפּנעם פונקט אין זיין דראַמאַטישער טהעטיגקייט.

וואָס יעקב גאָרדין איז געוועזען מיט זיעבצען יאָהר צוריק, איידער ער איז געקומען אין אמעריקא, איז מיר נישט גענוי בעקאַנט. ער האָט גענאָסען אַ רוסישע בילדונג און געשריבען אין רוסיש. וואָס ער האָט געשריבען, ווייס איך נישט. ער האָט אין דער רוסישער ליטעראטור קיין רושם נישט געמאַכט, כאָטש ער האָט איהר געדיענט ביז זיין פיערציגסטען יאָהר. אָבער ווי ווייט מיר איז בעקאַנט, האָט ער אין רוסיש קיין דראמען נישט געשריבען. דראמענשרייבער ווערט ער ערסט אין אמעריקא. אידישער דראמענשרייבער. און, ווי פריהער גאָלדפאַדען, קומט ער אויך, דער רוסיש־געבילדעטער,

*) אַזוי מאַכט מען מיך אויפמערקזאַם פון טעאטערקרייזען, אַז אונטער דעם נאָמען „פּראָפּ. יאַקאָבי פון לאָנדאָן" האָט ער אויפגעשריבען אַ שטיק „די געהיימניסע פון לאָנדאָן", ווי איבערהויפּט דער פּסוידאָנים שטאַמט אָב פון זיין נאָמען יעקב, צו דאס איז אמת, גאַראַנטיר איך נישט.

דער ענגעלאַדענער און בעוואַפענטער מיט די קונסט־בעגריפען פון דער מאָדערנער ליטעראַטור, צו דער אידישער דראַמענשרייבעריי נישט אַלס דיכטער, וועלכער טראָגט אין זיך אַ אינערע וועלט און וויל זי אַרויסברייינגען אין דער פאָרם פון קונסטפולע דראַמען. נור ער געהט אַרויס פון דעם שטאַנדפונקט פון ערפאָלג אויף דער אידישער ביהנע. פון דעם, וואָס אין דעם געגעבענעם מאָמענט האָט מעהר נושא חן געוועזען אין די אויגען פון די אידישע טעאַטער בעזוכער. ער נעמט אויף גאָלדפאַדען'ס פּלאַן און רעצעפּט און העבט אָן צו בויען פּיעסען אויף דער געמישעכטס פון ערנסטע געדאַנקען, פּאַיאַצסטוואָ און נגינה. אין דער הינזיכט פערבעסערט ער גאָר נישט. אין דעם פונקט איז ער קיין בענייערער נישט. ער מאַכט בלויז נאָך גאָלדפאַדענען, ווי אַ געטרייער תלמיד. ווי ביי דעם רבי'ן, זיינען ביי איהם אויך די אונטערהאַלטונגס־עלעמענטען נישט ענג פערבונדען צווישען זיך, נישט אָרגאַניש פערמישט. דער הויפּט־אינהאַלט וואָלט גוט געקאָנט אויסקומען אָהן איינעם אָדער דעם אַנדערן אונטערהאַלטונגס־עלעמענט. געוועהנליך זעהען מיר, אַז דער קאָמישער עלעמענט איז ביי איהם אַריינגעשלעפּט מיט געוואַלט, גראַדע ווי אין אַ סך פּיעסען פון גאָלדפאַדענען און די אַנדערע.

פון אַלע פּיעסען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבען ביז „מירעלע אפרת", איז דיא פּאָפּולערסטע און ערפאָלגרייכסטע „דער אידישער קעניג ליר". און טאַקי אין איהר קאָנען מיר אַם דייטליכסטען דערקענען די עלעמענטען פון דער גאָלדפאַדענשער שולע. זיי וואַרפען זיך אין די אויגען. צוערסט דער פּאַיאַץ פון דעם שטיק, דער משרת שמאי. נישט שעקספּיר'ס נאַרר, וועלכער דרעשט קעניג ליר ווי מיט עגדיסען פאַר זיין נאַרישקייט, וועלכע ער האָט אָבגעטאָן, ווערט דאָ פּעראידישט. נור גאָלדפאַדען'ס אַ לץ ווערט דאָ קאָפּירט. אַ מין האַצמאַך איז עס, וועלכער איז מיט געוואַלט אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין דאָס שטיק. דער גאַנג פון דער פּיעסע דאַרף איהם נישט. ער קומט נישט אין קיין שום פערהעלטנים צו דעם העלד פון דעם שטיק און צו דעם, וואָס ער לעבט איבער. אָבער ער מוז זיין אין דעם שטיק, ווייל פּאַיאַצסטוואָ מוז איהם האָבען, ווייל

דאָס שטיק מוז האָבען אַ פּרעהליך־מאַכענדיגען טייל.

דאַן די נגינה, די כאָרען און די סאָלאָס. און דאַן די פּראָזען ווענען בילדונג און פאַנאַטיזמוס. דער לעבערליכער, אויפגעבלאָ־זענער סטיל פון די דאָזיגע פּראָזען, די געשטאַלטען אָהן פלייש און בלוט, די זייפענבלאָזען טייבעלע און יפה, וועלכע שרייען ארויס די דאָזיגע פּראָזען ביי יעדער פּאַסענדער, און דאָס רוב, ביי יעדער נישט־פּאַסענדער געלעגענהייט, ועל כולם דער גייסט, נאָך וועלכען עס קומט אויס, אַז די גוטע און טרייע מענשען מוזען זיין דוקא די אויפגעקלערטע און געבילדעטע — דאָס אַלץ איז ווי ארויסגע־נומען געוואָרען פון גאָלדפאַדען׳ס און שמ״ר׳ס ווערק.

אָבער אויך „מירעלע אפרת" איז געבויט נאָך דעם זעלבען פּלאַן. פּאַיאַצסטוואָ און נגינה ווערען אריינגעשלעפּט מיט געוואַלט, ווייל דאָס שטיק מוז האָבען אַ פּרעהליך־מאַכענדיגען טייל. דער לץ פון דעם שטיק איז קיין נויטווענדיגקייט נישט. די שנור פון מרים אפרת האָט געקאָנט זיין אַ טאָכטער פון זעהר לייטישע מענשען און זיין אַ שלעכטע, ווי עס זיינען שלעכט די עלטערע טעכטער פון דעם גויאישען קעניג ליר, און ווי עס זיינען שלעכט די עלטערע טעכטער פון דעם אידישען קעניג ליר, כאָטש די טאַטעס זיינען גאַנץ אַנשטענדיגע מענשען. און מירעלע אפרת וואָלט אי־בערגעלעבט איהר טראַגעדיע אָהן דעם פּאַיאַץ נחום׳צע חנה דבורה׳ס. אָבער נאָך מעהר: נחום׳צע איז איבערהויפּט איין אונמעגליכקייט, איין אונזין אין דעם שטיק. מירעלע אפרת וואָלט זיך קיינמאָל נישט מתחתן געווען מיט אַזעלכע לייט ווי נחום׳צע און זיין חנה דבורה, מיט אַזאַ מין חינקע פּינקע. מירעלע דערקענט ערסט אין דעם חתונה־טאָג פון איהר זוהן, וואָסערע ברואים איהרע מחותנים זיינען. אָבער די חתונה קומט דאָך נישט פון עלערהויט. פריהער איז געווים געווען אַ קנין, דאַן זיינען געווען די תנאים. און מירעלע, וועלכע זוכט אַ שיינע כאָטש אָרמע משפחה, אָבער נישט שנאָרער מיט יחוס, האָט זיך זיכער גוט פערנאַנדערגעפרעגט ווענען איהרע מחותנים נאָך פאַר דעם קנין. און אויב זי, די אשת חיל מיט גרויסע פערבינדונגען, האָט נישט געקאָנט דערגעהן דעם אמת

פון פרעמדע לייט, וואָלט זי מיט איהר מענשענקענערישען בליק דערגאנגנען איהם אין דעם טאָג פון זייער ערסטער בעגעגנונג. און דער קנין וואָלט נישט געוועזען, און נחום׳צע חנה דבורה׳ס וואָלט נישט געוואָרען מירעלע׳ס מחותן. אָבער דער פלוך פון דער גאָלד־פאַדענשער טעכניק רוהט אויף גאָרדינען. ער דארף האָבען די פרעהליך־מאַכעריי, ער דארף האָבען דעם פּאַיאַץ. און נחום׳צע איז אַ גאָלדפאַדענשער פּאַיאַץ. אַ מין אָבשוואַכונג פון יונטעל שנאָרער אין גאָלדפאַדען׳ס „משיח׳ס צייטען“. און ווי די גאָלד־פאַדענשע פּאַיאַצען, האָט ער אויך אַ ווערטעל. יונטעל שנאָרער חזרט אַלץ: איך האָב בירושה פון מיין זיידען. האָצמאַך חזרט אַלץ: דער רוח זאָל מיך נעהמען. תנחום דער שדכן פון „שמענדריק“ חזרט: איך כאַפּ אָן. און אזוי ווייטער. נחום׳צע חנה דבורה׳ס חזרט: וואָס איז די נפקא מינה. גאָלדפאַדען׳ס גייסט הערשט. און אום אריינצושלעפּען דעם אונטערהאַלטונגס־עלעמענט פון נגינה, לאָזט גאָרדין די פרומע אידענע הייסען שטעלען חופּה, כאָטש חתן־כלה האָבען נישט געפּאַסט — אַ זאַך, וואָס קיינער וועט איהם נישט גלויבען, ווייל עס פעהלט דערצו די נויטוועגדיגקייט. און צוליעב פּאַיאַצסטוואָ און מוזיק פערדארבט ער דעם פיערטען אקט און פערפעהלט אויפצושרייבען איינע פון די ריהרענדסטע און העכסט דראמאַטישע סצענען.

דער פיערטער אַקט העבט אָן גרויסארטיג. די סצענען, ווי אַ פריער דער זוהן און דערנאָך די שנור קומען זי רופען צו דער בר־מצוה פון איהר אייניקעל, און ווי זי זאָגט זיך אָב, כאָטש איהר האַרץ בלוטיגט, כאָטש איהר נשמה פערגעהט פון בייגקענים נאָך דעם קינד, די דאָזיגע סצענען זיינען ריהרענד און שטאַרק דראַמאַטיש. יעצט אָבער האָט געדארפט קומען דאס ריהרענדסטע, דאס שטאַרק־סטע. דער אייניקעל אַליין האָט געדארפט קומען און רופען זי. וואָס פאַר אַ שטאַרקע דראַמאַטישע סצענע האָט געדארפט זיין אָט די בעגעגענונג פון מירעלען מיט איהר אייניקעל, וועלכען זי האָט צעהן יאָהר נישט געזעהן און נאָך וועלכען זי האָט אזוי שטאַרק געביינקט! אָבער גאָרדין לאָזט זי אויס, הופּט זי אַריבער. ער וויל בעסער משמח

זיין דעם עולם מיט אַ פּאַטעטישער סצענע פון איינשטודירען די דרשה. ער פיהרט צונויף די באָבע מיט'ן איינציקעל הינטער די קוליסען און ענדיגט בעסער מיט אַ טענצעל און מוזיק. מירעלעס דיענסט מחלה קומט געלאָפען און רופט אויס: „איהר זאָלט הערען, ווי ער האָט גערעדט מיט איהר!“ דאס איז דאָך טאַקי, וואָס מיר ווילען און וואָס מיר האָבען געדארפט. גאָרדין רייצט זיך נאָך מיט אונז! עס איז מעגליך, אַז ער האָט איינפאַך נישט געפונען אין זיך די קראַפט ארויסצוברייגען די סצענע, אָבער זיכערער איז עס, אַז ער האָט איינפאַך מקריב געווען די סצענע צוליעב פּאַטעטיזם.

די גאָלדפאדענשע טעכניק ליעגט ווי קייטען אויף גאָרדין'ס הענד, פילט אָן זיין גאַנץ בעוואוסטזיין אין אָנהעב פון זיין דראַמאַטישער טהעטיגקייט און אויך ווייטער. ער האָט מורא אָבצוטרעטען פון איהר, ער האָט מורא אַראָבצוגעהן פון דעם וועג, וועלכער פיהרט צום זיכערען ערפאָלג. אָבער דאָך טראָגט ער אריין עפּיס נייעס פון זיך און ברייגט די ענטוויקלונג פון דעם אידישען דראַמא נאָך פאָרווערטס נאָך — ווי מיר וועלען עס זעהן אין דעם קומענדען קאַפּיטעל.

קאַפּיטעל 4.

גאָרדינס אויפטו.

ווען מיר בלעטערען דורך די פּיעסען, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען פון גאָלדפאַדענען און זיינע נאכפאָלגער, וועלכע מיר ווען אָנרופען פון קורצקייט וועגען די שונדשרייבער, מוזען מיר שטוינען, ווי אינהאַלטלאָז זיי זיינען. באָבע-מעשות. אָדער נאָך ווייניגער ווי באָבע-מעשות. זיי האָבען נישט די פאָלקסטימליכקייט, די נאַאי־וויטעט, דאָס „מסיח לפי תומו“, די הייליגע תמ׳עוואַטעקייט, וועלכע ליגען אין די באָבע-מעשות. מאַכט זיך דאָך אפילו, אז מיר ווערען געריהרט פון דער דאָזיגער תמ׳עוואַטעקייט, וועלכע גלויבט אין דאָס, וואָס זי דערצעהלט. די שונדפּיעסען אָבער עקלען אונז אָב דורך דער טאַלאַנטלאָזיגקייט און געשמאַקלאָזיגקייט פון זייערע פערפאַ־סער. זיי איבערראַשען אונז מיט דער פאַנטאַזיענלאָזיגקייט פון די כלומרשט דיכטער. איך האָב עס שוין געזאָגט אין דעם ערסטען קאַפּיטעל: די מעשה איז גאָר קיין מעשה נישט. עטוואָס קומט פאָר אָהן קיין שום צוזאַמענהאַנג, אָהן קיין שום סמיכות הפרשה, אָהן קיין שום פאַר וואָס און פאַר ווען. עס איז, ווי דער גאַנצער אינהאַלט וואָלט נור געווען אַ צוציעפּענים צו עטליכע ליעדער, וואָלט צוזאַמענגעשלעפּט געוואָרען צוליעב געוויסע קאָמישע אָדער, ריכטיגער, קלאָונישע סצענען. און אויב די דאָזיגע פּיעסען האָבען געהאַט און האָבען נאָך עד היום ערפאָלג אויף דער אידישער ביהנע, איז עס דערפאַר, וואָס זיי זיינען געבויט אויף די אונטערהאַלטונגס־עלעמענטען פון דער אידישער מאַסע. די אידישע מאַסע געפינט אין זיי דאָס, וואָס זי דאַרף צום אַמוזירט ווערען. זיי האָבען

ערפאָלג, ווי דער בדחן האָט געהאַט ערפאָלג.

גאָרדין טוט אין דער הינזיכט שוין עפּיס אויף. איך קען נישט זיינע ערסטע פּיעסען און, ווי איך האָב שוין געזאָגט, שטעהען א סך פון זיינע פּיעסען אויף איין שטופע מיט די שמיערערייען פון די שונדשרייבער. אָבער אין די אַלע אַנדערע, וועלכע איך האָב דאָ פאר מיינע אויגען — און זיי זיינען אַ זעהר גרויסער און אויך דער וויכטיגסטער טייל פון זיין שאַפען — שטעהט ער שוין ריין איינ־האַלטליך טורעם־הויך איבער גאָלדפאַדענען און די אַנדערע. ער האָט אונז וואָס צו דערצעהלען. די מעשה אַליין, אָבגעזעהן, ווי זי איז בעהאַנדעלט געוואָרען, איז שוין אינטערעסאַנט. אָבער דאַס אַליין וואָלט געוועזען אַ קנאַפּער אויפטו, דאַס אַליין וואָלט נאָך געוועזען אַ גאַנץ קליינער פאָרטשריט אין דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען דראַמא. גאָרדין טוט אויף עפּיס וויכטיגערעס.

„דער עיקר הדבר פון דער קונסט איז דער מענש". דער הויפּט־צוועק, די הויפּטאויפגאַבע פון דער קונסט איז, צו רעדען מיט די ווערטער פון פּראָפעסאָר פאַלקעלט, „פאָרצושטעלען פאַר אונז דעם מענש און דאַס מענשליכע אין זיינע וועזענטליכע פאָרמען און שטופען, אין זיין מעכטיגקייט און מאַכטלאָזיגקייט, אין זיינע גוטע און שלעכטע טבע'ס און מדות, אין זיין קאַמפף און פריעדען..... מאָג די קונסט בעהאַנדלען עטוואָס אַנגענעהמעס אָדער שרעקליכעס, שטענדיג וויל זי אונז בעווייזען אַ מענשענשיקזאַל פון עפּיס איין אינטערעסאַנטער, אויף דאַס גרויסע לעבען אָנווייזענדער זייט".

דער מענש איז דער פּאָדים, פון וועלכען דער קינסטלער וועבט זיין ווערק. אין איהם, אין דעם מענש אַליין, ליעגט דער אָנהעב, די ענטוויקלונג און דער סוף פון זיין שיקזאַל און זיינע איבערלעבעניסען. די אומשטענדען מאַכען נור קענטיגער און דייטליכער דעם מענש און זיין כאַראַקטער. ווען דער קינסטלער וויל פערדייטליכען אונז זיינע מענשען, בעווייזט ער זיי אונז אין אַזעלכע צושטענדען און אומשטענדען, אין וועלכע עס דעקען זיך אויף און ענטוויק־לען זיך פאַר אונזערע אויגען אַלע זייערע אייגענטימליכקיי־טען. איך וועל מיך נאָך דייטליכער מאַכען מיט שאַפּענאַוערס

א משל. דאָס לעבען פון מענשען, ווי דאָס ווייזט זיך דאָס רוב אין דער ווירקליכקייט, איז גליך צו דעם רוהיג פליעסענדען וואסער אין טייך, ווי מען זעהט עס יעדען טאָג און יעדע שעה. אָבער א וואסער־קינסטלער לאָזט דאָס וואסער שפריצען אין דער הויך, בעוועגען מיהלשטיינער, פאַלען מיט רעש פון דער הויך און צופאַלען אין מיליאָנען שפריצלעך, בילדענדיג א גרויסארטיגע פאנאראמע. דער דיכטער נעמט אויך זיינע כאראקטערען, פערזעצט זיי אין אזעלכע אומשטענדען, אין וועלכע זיי ווייזען ארויס אַלע זייערע אייגענטימ־ליכקייטען: עס דעקען זיך אויף, עס ווערען ענטפּלעקט אַלע טיעפעני־סען פון דעם מענשליכען געמיט, זיי ווערען קענטיג און דייטליך דורך אויסעראָרדענטליכע און בעדייטענדע האנדלונגען.

גאָלדפאדען און די שונדשרייבער האָבען דערפון נישט געוואוסט. און אויב זיי האָבען עס געוואוסט, האָבען זיי זיך וועגען דעם נישט געקימערט. אומזיסט וועלען מיר זוכען ביי זיי ענטפּלעקונגען פון איי־גענטימליכקייטען פון א מענשליכען כאראקטער. זיי האָבען איבער־הויפּט קיין מענשען נישט. זיי שרייבען בלויז צו אמוזירען. זיי בליי־בען טריי דעם בדחן. זיי שילדערן בלויז פערשיעדענע פאָרגיינג. דער־צו נאָך פאָרגיינג, בעגעבענהייטען, וועלכע האָבען קיינמאָל נישט פּאסירט און קאָנען קיינמאָל נישט פאסירען. און אין די פאָרגיינג ווימלען און פרוכטפערען זיך רעדענדיגע זייפענבלאָזען און קאריקא־טורען . גאָלדפאדען שאפט נאָך הומאָרפולע קאריקאטורען, וועלכע געווינען די בעדייטונג פון א סאטירע אויף דאָס אידישע לעבען. די איבריגע טוען דאָס אויך נישט.

גאָרדין געהט אַרויס פון דעם שטאנד־פונקט פון ערפאָלג אויף דער אידישער ביהנע, נעמט אויף גאָלדפאדענס פּלאן און בויט זיינע פּיע־סען אויף די אונטערהאלטונגס־יסודות פון דעם אידישען לעבען. אָבער אין דער אייגענער צייט פיהרט ער אַרויף דעם „מענש“ אויף דער אידישער ביהנע. ער ברייננט אריין אין דאָס אידישע דראמא דעם עיקר הדבר פון דער קונסט. כמעט אין יעדען ערסטע אַקט פון זיינע דראמעס ווערען מיר בעקאנט מיט לעבעדיגע מענשען — מיט מענשען, אָבגעפאָטאגראפירטע פון דער ווירקליכקייט, מיט לעבענס־

פולע אינדיווידואליטעטן, מיט פון לעבען אבגעקאפירטע טיפען. און מיר זיינען געשפאנט אויף די וויטערע ענטוויקלונג פון זייער שיק־זאל, אויף די אויפדעקונג פון אלע זייערע איינגענטימליכקייטען. דאס איז דער הויפטפארטשריט, וועלכען דאס אידישע דראמא האט גע־מאכט מיט גארדינס אויפטריט, דאס איז גארדינס הויפט־פערדיענסט. אבער זיין קונסט איז נאך האלבע קונסט. ער קאן ארויספיהרען מענשען, ער קאן זיי אבער נישט דורכפיהרען. ער קאן אנפאקען לעבעדיגע מענשען און אוועק שטעלען זיי פאר אונז אין זייער לעבעדיגקייט, אבער אין דעם גאנג פון זיין ווערק קאן ער נישט ענטפלעקען פאר אונז אלע זייערע איי־גענטימליכקייטען, קאן ער נישט אויפדעקען פאר אונז אלע טיעפע־ניסען פון זייער נשמה. איך קען קיין אין שטיק נישט פון איהם, אין וועלכען די הויפטפיגורען, אויף וועמעס שיקזאל עס קומט דער עיקר אן, זאלען דורכגעפיהרט ווערען. איין „מירעלע אפרת" איז איין אויס־נאם. זי איז איהם געלונגען און וויטער נישט.

איידער איך געה דאס בעווייזען, וויל איך נאך אויפמערקזאם מאכען, אז דאס, וואס איך האב דא געזאגט, געהט דער עיקר אויף דאס רוב פיעסען, וועלכע גארדין האט אויפגעשריעבען נאך „מירעלע אפרת". אין די מיר בעקאנטע פיעסען ביז „מירעלע אפרת" האט ער בלויז אנדייטונגען אויף לעבעדיגע מענשען, אויף מענשליכע כאראק־טערען. אין זיי פעהלט אפילו דער „מענשליכער" ערסטער אקט. אין זיי שטעהט ער בכלל נאך גאנץ נאהענט צו די שונדשרייבער. אזוי צום בייזפיעל אין דעם „ווילדען מענש". עס איז נישטא קיין איין לע־בעדיגער מענש אין דעם שטיק, און די גאנצע האנדלונג פון אנהעב ביז'ן סוף, וואו אלץ לאזט זיך אויס צו גוטען און אלע רשעים ווערען בעלי תשובות, איז עכטער שונד. די ארט און וויזע, ווי גארדין האט מורא, אז מען זאל זיין אידיאט ווירקליך אננעמען פאר איין אידיאט, און ער לאזט איהם דערפאר יעדע ווילע שיטען מיט חכמות און קלוגע ווערטלעך, אזוי אז סוף כל סוף קומט דער אידיאט אויס דער קליגס־טער פון אלעמען אין דעם שטיק — אט די ארט און וויזע איז די העכסט קאמישע ארט און וויזע פון אלע שונד־שרייבער. אבער אין

דער צייט, ווען דער „ווילדער מענש" איז אויפגעפיהרט געוואָרען, איז שוין דאָס וועלען ארויפברייגגען א בעדייטענד מענשענשיקזאל געוועזען א פאָרטשריט. און אין דעם שיקזאל פון דעם אזוי צוזאָגענ־דיגען אידיאָט, אין וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א ליידענשאפט צו זיין שיינער שטיפמוטער, איז פאראן עטוואָס מענשליכעס, איין אָנדייטונג אויף עטוואָס מענשליכעס.

מעהר „מענשליכעס" איז שוין פאראן אין דעם „אידישען קעניג ליר", אָבער דאָך שטעהט ער נאָך נעהנטער צו שונד. מען דארף זיך נור דערמאָנען אויף דעם שרעקליכען אומגעלומפערטען לעצטען אקט, אָדער אויף די זייפענבלאָז־געשטאלטען פון יפה און טייבעלע מיט זייערע געשפרעכען וועגען בילדונג און פאנאטיזמוס. אָבער אויך דער ערסטער אקט זעהט זיך אָן בלויז ווי א פאראָדיע, א נאָכקרימענים אויף שעקספירס „קעניג ליר". דאָס נעמט ביי איהם אוועק יעדען ווערטה, מאכט איהם פשוט אונווירדיג און אונשיין. דאָך געלינגט דאָ גאָרדינען ארויסצורופען אין אונז א געוויסע שפאנונג אויף די וויטערע געשע־העניסען. מיר זיינען נייגעריג, ווי וועט גאָרדין ווייטער פעראידישען, וועלכע אומשטענדען און בעגעבענהייטען וועט ער ווייטער אריינפיה־רען, אום צו ענטפלעקען פאר אונז די אייגענטימליכקייטען פון זיין דוד משה'לעס. אָבער דאָ געפינען מיר שוין דאָס, וואָס עס חזר'ט זיך איבער אין אלע וויטערע גאָרדינס שטיק. ער בעפריעדיגט נישט אונ־זער נייגיעריגקייט. ער דעקט פאר אונז גאָר נישט אויף, ענטוויקעלט פאר אונז גאָר נישט. עס געשיעהט גאָרנישט, וואָס זאָל בעלייכטען זיין כאראקטער. גאָרדין געהט אוועק אין די ברייט, נישט אין די טיעפ־קייט. ער רעכענט בלויז אוים א צעטעל פון פיזישע יסורים. שעקספיר טרייבט אריין זיין העלד אין א ווילדען זעלישען צושטאנד אוים פער־ביטערונג איבער די מענשליכע אונדאנקבארקייט. גאָרדין מאכט זיין העלד בלויז בלינד און לאָזט איהם ליידען הונגער אקט איין אקט אוים. ער זעהט בלויז אָב אויף די צוזעהערס טרערען אין דעם סטיל פון די שונדשרייבער. איין מאָמענט בלויז איז פאראן, וואו עס דאכט זיך אונז אוים, אז אָט האָט גאָרדין געלאָזען אונז טיעפער אריינקוקען אין די נשמה פון זיין העלד. דאָס איז, ווען רב דוד'ל נעמט אָב די שלי־

סעלעך פון זיין איידים חריף (אלערדינגס נישט מיט זיין אייגענער אויטאָריטעט און גייסטיגער קראַפט, נור מיט דער קראַפט פון די רוסישע געזעצען...) און גיט זיי איהם צוריק אַוועק, ווייל ער וויל נישט נעמען צוריק זיין וואָרט. איינמאָל אַוועקגעגעבען איז פערפאַלען. דער עולם ווערט געריהרט פון דער ערהאבענהייט פון זיין כאַראַקטער. נע־מען אויף זיך אַזוי פיעל צרות, ווייל ער וויל האַלטען וואָרט! אָבער דאָס איז בלויז אַ טעאַטער־שפּיצעל. די ערהאַבענהייט איז דאָ אַ פאַל־שע, אַ געמאַכטע. נאָך די אומשטענדען, ווי גאָרדין שילדערט, וואָלט רב דוד'ל נישט אַוועקגעגעבען צוריק די שליעסלעך. ווייל חריף בע־לײדיגט נישט בלויז איהם, ער בערויבט אויך זיינע אַנדערע צוויי טעכטער. ער מאָג זיך האַלטען זיין וואָרט בנוגע צו חריף'ן, ער מוז אָבער זעהן, אַז זיין וואָרט זאָל איינגעהאַלטען ווערען בנוגע צו זיינע אַנדערע צוויי טעכטער. צום סוף, אין פיערטען אקט, געשיעהט עס טאַקי. און אויב אין צווייטען אַקט געשיעהט נישט, וואָס עס געשיעהט אין פיערטען, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל גאָרדין דאַרף האָבען דאָס ביסעל טעאַטער־פייערווערק. און ווייעדער, ווען אין צווייטען זאָל געשעהן, וואָס אין פיערטען, וואָלט דאָך קיין דריטער און פיערטער אַקט נישט געוועזען. אַלץ נאָך דעם גאַנג און סטיל פון די שונד־שרייבער.

ערסט אין „מירעלע אפרת" געלינגט גאָרדינען דורכצופיהרען די הויפּט־פיגור. ער פיהרט זי נישט ריכטיג אַרויף. ער שטעלט זי אונז פאָר אונטער אונמעגליכע אומשטענדען. ער טוט עס, ווי געזאָגט, אום צו האָבען אַ פּאַיאַץ, אַ פרעהליך מאַכער אין דעם שטיק נאָך גאָלד־פאַדענס מעטאָדע. אָבער באַלד פערגעסען מיר עס. עס קומט אַ שטיי־גען אין דער פּיעסע. די האַנדלונג שטייגט פון אקט צו אקט, די בעגע־בענהייטען ווערען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. מירעלע וואַקסט פאַר אונז; אַלץ מעהר אייגענטימליכקייטען פון איהר כאַראַקטער ווערען אונז ענטפּלעקט. ביז צו דער צווייטער סצענע פון דעם פיערטען אַקט. דאָרטען לאָזט ער זי פאַלען. דאָרטען איז ער זי ווייעדער מקריב אויף דעם מזבח פון פּאַיאַצסטוואָ. —

נאָך „מירעלע אפרת" שאַפט גאָרדין פּיעסען מיט „מענשליכע" ערסטע אַקטען, ברייננט פאַר אונז אַרויס מעגליכקייטען, וועקט אין

אונז אויף האַפּנונגען. אָבער ער ערפילט זיי נישט. ער פּאַקט אָן לעַ־בעדיגע מענשען און שטעלט זיי אַוועק פאַר אונז אין זייער לעבעדיג־קייט. אָבער ער פיהרט זיי נישט דורך. אין דעם גאַנג פון זיין ווערק ענטפּלעקט ער נישט אַלע זייערע אייגענטימליכקייטען, דעקט ער נישט אויף אַלע טיעפעניסען פון זייער נשמה. ער דערצעהלט נור מעשות מיט טעאַטראַלישע עפעקטען, נישט קימערענדיג זיך וועגען דער ענט־וויקלונג פון די הויפּט־כאַראַקטערען.

נעמען מיר צום ביישפּיעל זיין בעדייטענדסט ווערק: „גאָט, מענש און טייוועל“. ער ברייגנט פאַר אונז אַרויס אין דעם ערסטען אַקט אַ פרומען אידישען סופר, וועלכען דער שטן נעמט זיך אָן קאַליע צו מאַכען דורך דער מאַכט פון געלד. אַלערדינגס פון אַלע פּערזאָנען אין דעם ערסטען אַקט איז דער פרו־מער סופר איהם אם וועניגסטען געלונגען. ער קומט ביי איהם אויס ווי אַ פערזיסטע פערקערפּערליכונג פון פרומקייט, פון וועלכער עס טריפט מיט בוימאויל. דאָך זייגען מיר פעראינטערעסירט. אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע אויפגאַבע האָט זיך דער פערפאַסער פאָרגענומען, — ווי וועט ער זי מאַכען? מיר ווייסען די מאַכט פון געלד — ווי וועט אָבער דאָ דער פערפאַסער מאַכען, אַז זי זאָל בייקומען זיין פרומען אידען? מיר זיינען געשפּאַנט אויף דעם ערסטען מאָמענט, ווען דער פרומער איד וועט אַריינקריגען אין זיינע הענד די גרויסע סומע געלד. ווי וועט זי ווירקען אויף זיין נשמה? ווי וועט ער זיך פערהאַלטען צו דעם רייכטום, מיט וועלכען גאָט האָט איהם פּלוצלינג בעגליקט? מיר האָבען פון איהם אַ „בלי נדר“, אַז ווי ער וועט געווינען דעם גרויסען געווינס אויף דעם צעטעל, וועלכען אוריאל מזיק פערקויפט איהם, וועט ער זיך אַוועקזעצען שרייבען ספרי־תורה'ס פאַר יחידים און קהלות. אָבער מיר טראַכטען, אַז דאָס געלד וועט איהם מסתמא אַוועק־נעמען פון די ספרי־תורה'ס, און מיר זיינען געשפּאַנט צו זעהן, ווי דאָס וועט געשעהן. מיט דער גרעסטער נייגיעריגקייט געהען מיר אי־בער צום צווייטען אַקט. דער פאָרהאַנג געהט אויף און — דער פרו־מער סופר וואוינט שוין אין אַ רייכער היים, דערוויטערט פון זיינע אַלטע פריינד, און גיט גאָר געלד אויף פּראָצענט! ווי איז דאָס גע־

שעהן? ווי קומט עס, וואָס ער האָט עובר געוועזען אויף זיין נדר און אוועקגעזעצט זיך שרייבען ספרי־תורה'ס, גלייך ווי ער האָט געוואו־נען דאָס געלד? ווי קומט עס, וואָס ער האָט שוין פערגעסען זיינע אַלטע גוטע פריינד? וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה אין דעם ערסטען מאָמענט, אין דעם ערסטען טאָג פון זיין רייך ווערען? וואו איז דער ערסטער שטוים אויף דעם שלעכטען וועג? וואו איז דער ערסטער פאַלשער שריט, וועלכען הערשעלע האָט געמאַכט? ווי אזוי איז פאָרגעקומען דער ערסטער ריס אין זיין נשמה? די ערסטע עבירה פון הערשעלען איז ווי די ערסטע זינד פון אדם און חוה'ן. זי איז דער וויכטיגסטער פונקט אין דער ענטוויקלונג פון דער טראַגעדיע. זיין ערסטע זינד איז די גרעסטע זינד, און די שווערסטע זינד. מעהר ווי אַלע ווייטערע וועט זי דריקען אויף זיין נשמה, ווייל דורך איהר איז ער פעראונרייניגט געוואָרען און ווייל דורך איהר איז ער געקומען צו אַלע אַנדערע. גאָרדין הופט זי אַריבער. ער מאַכט זיך נישט וויסענדיג פון איהר. עס איז, ווי ווען דער חומש וואָלט אונז דערצעהלט, אַז אדם און חוה זיינען בעשאַפען געוואָרען אויף אייביג צו לעבען, קיינ־מאָל נישט צו שטאַרבען, נור דורך זייער ערסטער זינד האָבען זיי גע־דאַרפט ווערען שטערבליך, און ער וואָלט אונז שפּעטער דערצעהלט, אַז זיי זיינען געוואָרען שטערבליך, אָבער נישט דערצעהלט, וואָס די ערסטע זינד איז געוועזען און ווי זי איז בעגאַנגען געוואָרען. אַריבער־שפּרינגענדיג דעם ערסטען מאָמענט, וועלכער איז דער הויפּטמאָמענט אין דער ווייטערער ענטוויקלונג, וועלכע קומט פאָר מיט הערשעלען, בעווייזט אייגענטליך גאָרדין, אַז ער וויל גאָרנישט בעווייזען; אַז ער נעמט נישט זיין טעמא ערנסט אָדער אַז זי איז נישט פאַר זיינע כחות, און אַז דער עיקר איז ביי איהם די מעשה, וועלכע ער פּיקעוועט אָן מיט די פערשיעדענסטע עפּיזאָדען. ווי די אויסגעצייכענטע אפילו, אָבער גאַנץ איבערפליסיגע ערסטע סצענע פון דעם פיערטען אַקט. עס איז, ווי ער אליין וואָלט געפיהלט, אַז די נעבענ־פיגורען זיינען ביי איהם לעבענספעהיגער און אינטערעסאַנטער ווי זיין הויפּטפיגור. וואָרום ביי אַלע זיין הויפּטפיגור טוט אָב, דריקען מיר מיט די אַקסלען. אַז מיר ווילען, גלויבען מיר גאָר אין זיי נישט,

ווייל ער דאַרף אונז נאָך ערסט בעווייזען, אַז דאָס געלד איז געווע־זען ביכולת קאַליע צו מאַכען הערשעלען.

און אַריבערשפּרינגענדיג דעם ערסטען מאָמענט אין דער ענט־וויקלונג צו זינדיג ווערען, לאָזט גאָרדין איבערהויפּט זיין העלד נישט דורכמאַכען איין ענטוויקלונג. געטריבען פון דער מאַכט פון געלד און פון דעם בעוואוסטזיין פון דער ערסטער עבירה, האָט דער פרומער סופר געדאַרפט געהן פון איין זינדיגער טהאַט צו דער אנדערער און ווערען אַלץ פערביסענער און אַקטיווער. די ענטוויקלונג וואָלט געלע־גען אויף דעם וועג צו אַלץ אַ גרעסער ווערענדיגער פערביסענהייט און אַקטיוויטעט. אויף דעם דאָזיגען וועג וואָלטען אונז אויפגעדעקט געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אייגענטימליכקייטען פון הערשעלעס כאַראַקטער, וועלכע וואָלטען איהם מאַכען בעדייטונגספול. ביי גאָרדינען בלייבט ער אָבער ביז סוף סוף פּאַסיוו און בעדייטונגסלאָז. ער טאָפּט־שעט זיך ביי איהם אויף איין אָרט. ער גט אָב זיין ווייב, און דאָס האָט ער געדאַרפט טון אַלס זעהר פרומער איד, ווייל ער טאָר נישט וואוי־נען מיט איין עקרה מעהר ווי צעהן יאָהר. ער ווערט אַ פאַבריקאַנט, אָבער מיר זעהען איהם ערגיץ נישט אין זיינע בעציעהונגען צו זיינע ארבייטער, מיר זעהען איהם נישט אַלס אַקטיווען עקספּלואַטאַטאָר. ער בלייבט אין דריטען אַקט ווי אין צווייטען, און „גאָט, מענש און טייוועל„ האָט שוין נישט דאָס שטייגען, וואָס „מירעלע אפרת" האָט.—

אָדער נעהמען מיר „די קרייצער סאָנאַטא". גאָרדין העבט זי אָן גלייך מיט די שטאַרקסטע טענער. דער ערסטער אַקט ענטפּלעקט פאַר אונז אויף אַ מאָל די כאַראַקטערען. ער ווירקט ווי דער אבשלום פון די דראַמאַ. דער קאַמפּף אין עטיניו פרידלענדער צווישען איהר ליעבע צום פאָטער און איהר ליעבע צום אָפיציער ענדיגט זיך מיט'ן ערס־טען אַקט פון דער „קרייצער סאָנאַטא". מיר דערוויסען זיך, אַז די געליעבטע און ליעבענדיגע טאָכטער האָט זיך פערליעבט מיט אַ פערבאָטענער ליעבע, אַז די דאָזיגע ליעבע האָט געזיעגט איבער איהר ליעבע צום פאָטער, און ווען איהר געליעבטער שטאַרבט, ווערט זי צוריק די טרייע טאָכטער, פעהיג אויף אַלע קרבנות פאַר דעם גע־ליעבטען פאָטער, מוכן ומזומן צו טון אַלץ פאַר זיין בערוהיגונג.

איהר חתונה האָבען צוליעב דעם פאָטער מיט א שאַרלאַטאַן, וועל־
כען זי קאָן נור פעראַכטען, איהר פערגראָבען טיעף ביי זיך אין
האַרצען די ליעבע צו איהר פערשטאָרבענעם געליעבטען און אָנטון
אויף זיך איין אייזערנע מאַסקע פאַר אַלע, וואָס עס וועט אויף איהר
קומען — דאָס איז א ריעזיגע טאַט, וועלכע דעקט אונז אויף אין
גאַנצען איהר כאַראַקטער. אום צו בעווייזען נייע אייגענטימליכקייטען
אין איהם, צו מאַכען איהם וואַקסען, האָט גאָרדין געדאַרפט פאָרפיה־
רען פאַר אונז נייע בעגעבענהייטען, נייע האַנדלונגען, וועלכע זאָלען
שטאַרקער זיין פאַר דער האַנדלונג אין דעם ערסטען אקט. אָבער וואָס
מיר זעהען ווייטער, איז פיעל שוואַכער. ער דעקט אונז נישט אויף
קיין נייעס. מיר קאָנען זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי עטיניום לעבען
וועט זיין נאָך דער חתונה. מיר ווייסען, אַז עטיניו וועט האַלטען
וואָרט, און ווען זי האָט פערשפּראָכען, צו זיין דעם מאַן טריי און
איבערגעבען, וועט זי אַריבערטראָגען שטיל אַלע צרות און אַלע אויס־
שטעהעניסען. גאָרדין עפענט פאַר אונז נישט אויף קיין נייע זייטען
פון איהר כאַראַקטער, און איהר לעצטע טהאַט — די קוילען, וועלכע
זי לאָזט אַריין אין איהר מאַן און שוועסטער — איז נישט מאָטיווירט,
איז גראָדע געגען איהר כאַראַקטער, און קומט אַרויס נור ווי אַ טע־
אַטער־עפעקט. גאָרדין האָט נישט געבראַכט צו איהר מיט איין אייזער־
נער נויטווענדיגקייט. דער וועג פון דעם אָנהעב ביז דעם סוף איז
נישט געפיהרט געוואָרען דורך מאָטיווען און האַנדלונגען, וועלכע
זיינען שטאַרקער און שטאַרקער מיט יעדעם נייעם מאָמענט. און
ווידער איז דער עיקר ביי איהם גלאַט זיך א מעשה, און די עפּי־
זאָדען־פיגורען וואַקסען אַריבער אין בעדייטונג די הויפּט־פיגור.

„גאָט, מענש און טייוועל", און „קרייצער סאָנאַטאַ" געהערען
נישט בלויז צו גאָרדינס ערפאָלגרייכסטע ווערק, נור אויך צו זיינע
בעדייטענדסטע, און וואָס עס איז שלעכט אין זיי, האָט ער אין
זיינע אַנדערע פּיעסען נישט בעסער געמאַכט. אומעדום זיינען די
הויפּט כאַראַקטערען אָדער פערפעלשט אָדער נישט דורכגעפיהרט.
אומעדום פערנעהמען די זייטיגע פיגורען און די זייטיגע געשעהעני־
סען, די עפּיזאָדען, אַזאַ בכבודיגען און גרויסען פּלאַץ, אַז זיי וועגען

באַלד אַריבער דעם עיקר. און אומעדום פעהלט דאָס שטייגען פון דער האַנדלונג. וואָס גאָרדינען איז געלונגען איינמאָל אין „מירעלע אפרת“, איז איהם מעהר קיינמאָל נישט געלונגען. —

און דאָך איז גאָרדין נאָך „מירעלע אפרת“ ווי אַ נייער, ווי אַ גאַנץ אַנדערער. עס איז, ווי „מירעלע אפרת“ וואָלט אַראָבגענומען אַ כשוף, וועלכער איז געלעגען אויף זיינע שאַפענדיגע כחות. ער גיט מיט אַ מאָל אַ וואקס. ער געפינט זיך אַליין, ער געפינט זיין וועג. ער פערפאַסט נאָך אַפילו און בעאַרבייטעט „די שיינע מרים“, דעם „גאון“, דעם „ממזר“ און נאָך איינינע — גאַנץ אין דעם גייסט פון די שונד־שרייבער. אָבער זיי נעמען זיך אוים יעצט אין זיין שאַפען ווי צו־פעליגקייטען, פערבלאָנדזשעניסען, ווי אָברופעניסען פון אַ מאָל. אין די צעהן יאָהר נאָך „מירעלע אפרת“ שאַפט ער זיינע בעדייטענדס־טע ווערק. די אַלע, וועלכע האָבען אַ מעהר אָדער ווייניגער קונסט־ווערטה. די אַלע, וועלכע בעדייטען דעם גרעסערען פאָרטשריט אין דער ענטוויקלונג פון דעם אידישער דראַמאַ.

אין די דאָזיגע ווערק פערלאָזט ער אויך כמעט אין גאַנצען גאָלד־פאַדענס פּלאַן און מעטאָדע. נגינה, מוזיק מוז נאָך אַפילו זיין, און עפּעטערס ווערט זי אריינגעשלעפּט מיט געוואַלט אין דעם אינהאַלט. ער זוכט זי צו מאָטיווירען, צו דערקלערען. ער געפינט פאַר איהר אַ מעהר אָדער ווייניגער נאַטירליכען צוציעפּ. — דער פאַיאַץ, די קאָ־מישע פיגור, וועלכע מוז פרעהליך מאַכען, פעהלט אויך נישט. אָבער ער איז שוין זעלטען אַזאַ צוצעפּעניס און אָנשיקעניס ווי אין די פריי־ערדיגע דראַמען. ער איז מעהר איינג פערוואַקסען מיט דעם אינהאַלט. זיינע בעציעהונגען צו די אַנדערע מענשען, דער עיקר צו די הויפּט־פיגורען, זיינען נישט מעהר קשה'דיג. און ער ווערט אינטערעסאַנטער, עס קומט אריין אין איהם לעבען. גאָרדין העבט איהם אָן צו זעהן פון קינסטלערישען שטאַנדפּונקט. דער פאַיאַץ איז שוין נישט מעהר אין דעם שטיק, אום בלויז פרעהליך צו מאַכען דעם עולם. ער טראָגט מיט זיך זיין אייגען לעבען. ער ווערט אינדיווידואַליזירט. ער ווערט מענשליך בעדייטונגספול. דער פאַיאַץ שמאי פון דעם „אידישען קעניג ליר“ וואַקסט אוים צו דער ערעלער געשטאַלט פון לייזער בדחן אין „גאָט, מענש און טייוועל“.

נאָך „מירעלע אפרת", ווייזט אויס, איז גאָרדינען קלאָר געוואָרען, אז ער מאָג אריינפיהרען אלץ מעהר און מעהר „מענש" אין זיינע דראַמען. דער ערפאָלג פון „מירעלע אפרת" האָט איהם געמוזט אי־בערצייגען אין דעם. ער האָט געמוזט איינזעהן, אז דער אידישער עולם איז גאָרנישט אזא גולם, אז מען מוז איהם נישט קאָרמענען אלץ מיט „אידישע גלחים", „שווארצע אידען", „ווילדע מענשען" א. ז. וו., אז ער איז מסוגל אויפצונעהמען זאכען, וועלכע זיינען ווייט פון די דערמאָנטע ווי מזרח פון מערב (אום צו געברויכען איין אלטען פער־גלייך). און ער העבט אָן אריינצופיהרען אין זיינע דראַמען דעם „מענש", דעם עיקר הדבר פון קונסט. און אויב עס געלינגט איהם יעצט נישט צו געבען גאַנצע קונסטווערק, אויב ער פיהרט בלויז ארויף מענשען, אָבער פיהרט זיי נישט דורך, אויב ער פערבלאָנדזשעט אזוי, ווי ער האָט פערבלאָנדזשעט אין „גאָט, מענש און טייוועל" און „קרייצער סאָנאטא", איז עס איינפאַך, ווייל זיין טאלאנט, זיין קאָנען, זיינע קינסטלערישע מיטלען רייכען נישט אויס. דורכגעהענדיג אלע זיינע בעסערע ווערק, מוז מען קומען צום בעשלוס, אז זיין טאלאנט רייכט אויס נור אויף זייטיגע ענינים, אויף עפּיזאָדען. ער איז ווי דער הייזערבויער, וועלכער האָט א גרויס טאלאנט אויף אויפצושטע־לען קונסטפולע זיילען און אויסצוארבייטען שיינע פערציערונגען, אָבער האָט נישט גענוג טאלאנט אויף אויפצושטעלען קונסטפול דאָס גאַנצע געביידע. דאָס קרעפטיגסטע און דאָס שענסטע, וואָס גאָרדין האָט אָנגעשריעבען, געהערט כמעט שטענדיג צו זייטיגע ענינים און זייטיגע מענשען. —

צו דער בעשרענקטהייט פון זיין קינסטלערישען קאָנען קומט צו נאָך עפּעס, וואָס פּאַראַליזירט נאָך זיינע כחות. דאָס איז איין אנדער אויפטו גאָרדינס. שטודירענדיג זיינע פּיעסען אין בוך און אויף דער סצענע, זעהען מיר באַלד איין, אז ער שרייבט איבערהויפּט קיין פּיע־סען נישט, נור ראָליען. עס איז, ווי ער וואָלט געוואָלט דער עיקר צו־פריעדען שטעלען די אַקטיאָרען. דערפון האָט גאָלדפאַדען נישט גע־וואוסט. ביי איהם האָבען די אַקטיאָרען געמוזט שפּיעלען, וואָס ער האָט געשריעבען. גאָרדין שרייבט, וואָס די אַקטיאָרען ווילען שפּיעלען.

געוועהנליך שרייבט ער זיינע פּיעסען פאַר געוויסע „סטאַרס“, און דער אינהאַלט דרעהט זיך דער עיקר אַרום איין פּערזאָן. אָבער די זייטיגע פּערזאָנען פּערנעמען ביי איהם כמעט נישט קיין קלענערען פּלאַץ. און דאָס איז נישט בלויז, ווייל זיינע קינסטלערישע מיטלען צווינגען איהם פּשוט אָבצוגעבען זיך אַ סך מיט די זייטיגקייטען, נור אויך, און אפשר דער עיקר, ווייל ער וויל צושטעלען ראָליען פאַר פערשיעדענע אַקטיאָרען פון דעם סטאַרס טרופּע. זיינע שטיקער ווערען צוזאַמענגעשטעלט נאָך דעם בעשטאַנד פון דער בעטרעפענדער טרופּע. ווען ער איז געוועזען אליין טעאַטער־דירעקטאָר אין 1904, האָט ער אויפגעשריעבען זיין „אונבעקאַנטען“ — אַ פּיעסע אָהן אַ צענטראַלער פיגור און אָהן אַ צענטראַלען אינהאַלט. איין עפּיזאָדען־פּיעסע. ער האָט דאָס שטיק געשריעבען נישט פאַר קיין בעשטימטען סטאַר, נור פאַר זיין אייגענע טרופּע, און ער האָט געזעהן צופריעדען שטעלען אַלע סטאַרס פון זיין טרופּע.

אזא מין שאַפען מוז פּאַראַליזירען דעם קינסטלער, און אפילו דעם גרעסטען. ער קאָן זיך נישט פּערהאַלטען עהרליך צו זיין טעמא. ער געהערט נישט צו איהם מיט האַרץ און נשמה. ער בלייבט מיט איהם קיינמאָל נישט, אַזוי צו זאָגען, אין התבודדות, אליין און אין אָבגעזונדערטקייט. ער קאָן דאָס טעמא נישט ענטוויקלען נאָך דעם לעבען, וואָס עס טראָגט אין זיך. שטענדיג שטעהען די אַקטיאָרען צווישען איהם און דעם טעמא. און מיר זעהען, ווי גאָרדין שטריינגט אָן זיין איינבילדונגסקראַפט, נישט אויף צו ענטוויקלען זיין טעמא קונסטמעסיג, נור אויף צו ענטוויקלען אַ געוויסע ראָליע ביהנענמעסיג. דערפאַר פּערפעלשט ער אָפט די כאַראַקטערען, ווייל ער געהט נישט אין די טיעפענים פון דער נשמה פון זיינע מענשען, נור נאָך די בעזונדערהייטען פון זיינע אַקטיאָרען. דערפאַר קומען ביי איהם אַרויס דער עיקר די הויפּטפיגורען פּערזיסטע פּערקערפּערליכונגען פון פערשיעדענע גוטע מידות. גוטסקייט, קלוגהייט, שאַרפזיניגקייט, בעשיידענהייט א. ז. וו. טוען זיך אָן אין הויט און ביינער, ווערען פּערקערפּערט און שפּאַצירען אַרום אין זיינע פּיעסען אויף שטעלצעס, צו דערקוויקען דעם עולם מיט זייער עטישער זיסקייט. דאָס איז נישט

בלויז, אום נושא חן צו זיין אין די אויגען פון דער מאסע, וועלכע איז געוועהנליך זעהר מאראליש און נעמט אויף מיט די ווארמסטע אפלאדיסמענטען די פערקערפערטע גוטע מידות. דאס געשיעהט ביי איהם דער עיקר צוליעב די סטארס, וועלכע ווילען בעציהען אויף זיך די אפלאדיסמענטען, מיט וועלכע מען בעשיינקט זייערע ראליען.

און דאס איז דער סך הכל. וועדליג גארדינס ערסטער אויפטו, די אריינפיהר פון דעם „מענש", איז געוועזען א פיעל פערשפרעכענ־דינער פארטשריט אין דער ענטוויקלונג פון דעם אידישע דראמא, איז זיין לעצטער אויפטו איין אבהאלט. ער פאראליזירט דאס שאפען פון גארדינען אליין און פאראליזירט דאס שאפען פון די, וועלכע זיינען אוועק אין זיינע וועגען. ער איז די קללה פון גארדינס שולע.

קאַפּיטעל 5.

גאָרדינס שולע.

גאָרדין מאַכט שולע. מען איז זיך מתקנא אין זיין ערפאָלג. מען העבט אָן נאָכצומאַכען איהם. די נאָכמאַכער אָבער זיינען אַלע שוואַכער פאַר איהם, מיט קלענערען טאַלענט און װעניגער טעמפּעראַמענט. זיי שטעהען אַלע אונטער איהם. עס איז געװעזען אַ זיעג פאַר איהם פערזענליך און זיין ריכטונג, װאָס ער האָט געפונען נאָכמאַכער. ער איז, אַזוי צו זאָגען, פּאָפּולאַריזירט געװאָרען. זיין ריכטונג האָט עראָבערט דאָס אידישע טעאַטער, און ער, אַלס דער שטאַרקסטער פערטרעטער פון זיין ריכטונג, האָט געקאָנט װערען דער איבערהאַר פון דער אידישער ביהנע. אָבער דאָס אידישע דראַמא האָט גאָרנישט געװאונען פון זיינע תלמידים. איהר ענטװיקלונג האָט דורך זיי נישט געמאַכט קיין װייטערען פאָרטשריט. זיי האָבען קיין נייע פאָרמען נישט בעשאַפען, קיין נייעם אינהאַלט נישט אריינגעטראָגען. זיי שטעהען צו גאָרדינען, װי שמר און הורװיץ און לאַטיינער שטעהען צו גאָלדפאַדענען. זיי האָבען גאָרדינס מעטאָדע פערפלאַכט, זיין קונסט פערקלענערט. זיי האָבען אָנגעהויבען, װאו ער האָט אויסגעלאָזען: נישט קונסטמעסיגע שטיקער צו שרייבען, נור ביהנענמעסיגע ראָליען. זיי האָבען גלייך אָנגעהויבען צו שרייבען זייערע שטיקער פאַר געװיסע סטאַרס און געװיסע טרופּען, נאָך דער פערזאָן פון די סטאַרס און דער צונויפשטעלונג פון די טרופּען.

נאַטירליך זיינען זיינע תלמידים נישט אַלע גלייך. דער װייט גרעסטער טייל פון זיי זיינען פּשוט׳ע בעלי־מלאכות, װעלכע, לעבענדיג פון דער פען, און אָפט פון רעפּאָרטער־ארבייט און נייס־שרייבעריי

אין די טעגליכע צייטונגען, האָבען געכאַפּט, פּראָסט צו רעדען, דעם שניט און אָנגעהויבען צו צושניידען דראַמעס. זיי האָבען איבערגענו־מען פון גאָרדינען נור דעם סוד פון צו צושניידען אַ שטיק פאַר אַ געוויסע טרופּע. דאָס זיינען פּשוט'ע שונדשרייבער, וועלכע ערניע־דעריגען גאָרדינס ריכטונג דערמיט, וואָס זיי גילטען אַלס זיינע תלמידים. אייניגע אָבער זיינען מענשען מיט טאַלענט, וועלכע האָבען ליידער קיין כח נישט געהאַט אויפצוהעבען זיך איבער די אומשטענ־דען, אָדער די נויטיגע פאָרבילדונג נישט געהאַט, אום צו קאָנען געהן אין אייגענעם וועג. זיי געהען אין גאַנצען אין גאָרדינס וועגען. זייערע מענשען — טיילווייז און, וויעדער ווי ביי גאָרדינען, דער עיקר די זייטיגע פערזאָנען — האָבען רעאַליטעט. עס איז לעבען אין זיי. עס איז נשמה אין זיי. עס איז עטוואָס פון כאַראַקטער אין זיי. און כאָטש די דאָזיגע תלמידים גאָרדינס האָבען אַליין קיין וויטערען שריט נישט געמאַכט אין דער אידישער דראַמאַטיק, זיינען זיי דאָך ווערט בע־שפּראָכען צו ווערען, ווייל זיי האָבען מיט זיך פערשטאַרקט דעם פאָרטשריט, וועלכען גאָרדין האָט געמאַכט.

די בעדייטענדסטע פון גאָרדינס שולע זיינע ל. קאָברין און ז. ליבין. דער ערסטער איז זיכער דער בעדייטענדסטער פון אַלעמען. ער האָט מעהר טעמפּעראַמענט פאַר ליבין'ען, מעהר טעאַטער־בלוט. דאָך נישט גענוג, ווייזט אויס, אויף צוגעהן אייגענע וועגען. זיין ערסטע דראַמע „מיננא" (ערשיענען אין דעם מאָנאַטליכען זשורנאַל „נייע צייט" 1899) האָט ער געשריעבען עהרליך, ווי גאָט האָט איהם גע־לעגט אויף דער נשמה, אָהן זייטיגע בליקען אין דער זייט פון געפינען חן ביים סטאַר און ביי דער טרופּע. אָבער זי איז גאַנץ ווערטלאָז. עס איז גאָרנישט ניטאָ אין איהר. נישט פאַר דער ביהנע און נישט פאַר דעם לעזער. און עס איז נישטאָ אין איהר קיין זכר פון קאָברינס טעמפּעראַמענט. לייענט מען זי, האָט מען דאָס געפיהל, אַז ביים שרייבער האָבען זיך די הענד געטרייסעלט פון דעם בעוואוסטזיין, אַז ער שרייבט זיין ערסט טעאַטער־שטיק, און פאַר שרעק האָט ער נישט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טון מיט זיין טעמא. נישט קיין האַנד־לונג און נישט קיין כאַראַקטעריסטיק, נישט אין די הויפּטפּערזאָנען

און נישט אין דעם ארום. א טרוקענע, לאַנגווייליגע געשיכטע אין גע־שפּרעכען, ווי אַ פּרוי, וועלכע האָט שוין אַ דערוואַקסענע טאָכטער, פאַרליעבט זיך אין אַ יונגען מאַן, וועלכער ליעבט איהר טאָכטער, און נעמט זיך דאָס לעבען. ערסט שפּעטער, ווען קאָברין כאַפּט גאָרדינס שניט, געווינט ער אויך זיין טעמפּעראַמענט. זיין „נאַטור־מענש" (גע־דרוקט אין ערסטען יאָהרגאַנג פון „אידישען קעמפּפער"), איבערגע־מאַכט פון זיין ערצעהלונג „יענקעל בוילא", איז געבויט געוואָרען נאָך אַלע געזעצען פון גאָרדינס דראַמאַטיק, אָבער איז זעהר טעמפּעראַ־מענטפול. די הויפּטפיגור איז גראד ווי נאָך איין אַראָבגענומענער מאָס פון אַ געוויסען סטאַר און פון דעם ,מיט וואָס יענער האָט ליעב אויס־צונעמען ביים עולם. איך האָב זיין ערצעהלונג נישט געלייענט, אָבער איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלען, אַז זיין „יענקעל בוילא" אין דער ערצעהלונג זאָל זיין אַזוי ווייניג כאַראַקטעריזירט, אַזוי אויבערפלעכ־ליך, אַזוי בלויז אויסערליך, ווי אין דער דראַמע. דער דראַמאַטיזיר־טער בוילא איז דערמיט „נאַטורמענש", וואָס ער רעדט שלעכט אידיש, ליעבט אַ שיקסע, קאָן נישט דאַווענען, האָט מורא פאַר זיין טויטען טאַטען און געווינט אַלע געשלעגען. דאָס לעצטע, וויל איך פאַרביי־געהענדיג בעמערקען, איז כאַראַקטעריסטיש, ווען מען שרייבט אַ ראָ־ליע פאַר אַ געוויסען סטאַר. דער סטאַר געווינט נישט בלויז דעם געשלעג, ער געווינט אויך די גאַליאָרקע. איך זעה שוין דעם זיעגער־בליק, וועלכען דער אַקטיאָר, וואָס וועט שפּיעלען בוילא'ן וועט וואַר־פען אהינצו ארויף אויף די הויכע מקומות, און ווי די גאַליאָרקע וועט עם אָנקוועלען פון דער קראַפט און דעם גרויסען טאַלאַנט פון זייער ליעבלינג. דאָס, וואָס איז גאָר קיין כבוד נישט פאַר דעם פּערפאַסער איז אָבער אַ קוואַל פון כבוד פאַר דעם אַקטיאָר. און דער פערפאַסער שטעלט איהם צופריעדען נאָך מיט עטליכע אַזעלכע סצענעס.

און צוגעטשעפּעטע סצענעס מיט געזאַנג און טענץ זיינען פאַראַן אין דעם שטיק. און עס זיינען דאָ די קאָמישע פיגורען, אָבגעזעהן נאַטירליך דערפון, וואָס אויך דער הויפּטהעלד, וועלכער דאַרף וויר־קען טראַגיש, ווירקט דאָ קאָמיש. און עס זיינען פאַראַן די ווערטלעך. זיי זיינען פאַראַן אפילו אין אַ איבערמאָס. דאָס איז דער מזל פון אַ

תלמיד, וועלכער וויל איבערטרעפען זיין רבי'ן. ביי גאָרדינען האָט מייסטענס נור איין פּערזאָן עפּעס אַ ווערטעל. ביי קאָברינען האָט עס דער גרעסטער טייל פון די האַנדלענדע פּערזאָנען, און איין פּער־זאָן האָט זיי עטליכע אויף אַ מאָל. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט דאָס שטיק אַ זייטיגע פיגור, וועלכע איז ווערט דאָס גאַנצע שטיק. דאָס איז איין אַלטער אידישער פישער, הירש בער מיט'ן נאָמען. עטוואָס פון פּרץ'ס „בערל קירזשנער" אין דער „שטריימעל", אָבער ערדשווערער, לעבענסעכטער און ווירקונגספולער. אויך דער אַנדער עלטערער פּרו־מער פישער האָט רעאַליטעט, האָט לעבען, איז גוף און נשמה. דאָס זיינען צוויי געשטאַלטען, וועלכע ווייזען, ווי גוט קאָברין זעהט לע־בעדיגע מענשען און ווי ווייניג דאָס אידישע דראַמאַ געווינט פון דעם, ווייל דער דיכטער האָט זיך געלאָזען אויף אַ שלעכטען וועג און געהט נישט אַרויס פון דעם אינענלעבען פון זיינע העלדען, נור פון דער אויסערער ערשיינונג פון די אַקטיאָרען, וועלכע וועלען זיי שפּיעלען.

דאָס איז אויך דער הויפּט־חסרון פון ליבינ'ס פּיעסען. ער איז אָבער נאָך אויבערפּלעכליכער, ווי אין דער געשטאַלטונג, אַזוי אין דעם ערנסט, אַזוי אין דעם וויץ. איך וואָלט נאָך געזאָגט: ער איז פּרימיטיווער. אויף אידיש ערקלערט: ער האָט געזעהן גאָרדינ'ס דראַמען אויף דער ביהנע, בעשלאָסען אויך דראַמען צו שרייבען, אָבער ער ווייס נישט, מיט וואָס מען עסט עס. ער איז גאַנץ אונבעהאָלפען אין דער טעכניק. אין זיינע דראַמען זעהען מיר אָפט, אַז זייטיגע און אָפט גאַנץ איבערפּליסיגע פּערזאָנען פּערנעמען אַזוי־פיעל פּלאַץ און צייט ווי די הויפּטפיגורען. אפשר איז עס ווייל ער ווייס עפּעס נישט, ווי אויסצופילען פיער אַקטען. גיכער אָבער קומט עס פון וועלען צו־פריעדען שטעלען אַלע אנטיילנעמענדע אַקטיאָרען און אַנטיילען זיי מיט גרויסע ראָליען. דעם ערנסט זעהט ער אין אַ סך טרערען. עס איז ביי זיינעם אַ שטיק, ווי דאָס טעאַטער וואָלט אינוועניג געווען אַרומ־געשטעקט מיט אָבגעשיילטע ציבעלעס אָדער מיט אָנגעריבענעם חריין, אָדער מיט ביידע זאַכען אין איינעם. און די טרערען קומען טאַקע צום עולם פון אַזעלכע ריין אויסערליכע סבות. נישט דאָס אינערע שיקזאַל פון די העלדען ריהרט דעם עולם, נישט אַ טיעפע איבערלע־

בענים, א נשמה־לײדען שרעקט איהם אויף און רופט ארויס א טרער. נור מען װײנט, װי מען װײנט בײ א פרעמדער לויה, בײם אבװאַ־שען א פרעמדען מת. מען װערט געריהרט פון דעם ארומיגען געיאמער פון דעם טויטענס קרובים, פון זײערע טרערען און װעהקלאָגען. און ליבין ריהרט טאַקע דעם עולם דאָס רוב מיט א גסיסה פון אײנעם פון זײנע העלדען און מיט דעם היסטערישען געיאָמער פון די אנ־דערע. אויך זײן הומאָר איז א גאַנץ אויבערפלעכליכער. ער געפינט געשמאַק און נחת רוח אין אזא מין װיץ, װי אײנער פון זײנע העל־דען זיצט אין אײן צימער און װיעגט א װיעג, װעלכע געפינט זיך אין אײן אַנדער צימער, ציעהענדיג א צו דער װיעג צוגעבונדענעם שטריק, אָדער געהט אָנצינדען דעם גאַז־הײנגלײכטער און בלײבט אויף איהם הײנגען.

קאָברין שטעהט א סך נעהנטער צו גאָרדינען, װי ליבין. װי אין דעם בוי פון די שטיקער, אזוי אויך אין זײער טעמפעראַמענטפולער דורכפיהרונג. און אין דעם נאָך, װאָס, װי גאָרדין אין א סך פון זײנע פיעסען, אזוי װיל אויך קאָברין ארויספיהרען דעם דראַמאַטישען קאָנפליקט פון דעם כאַראַקטער פון דעם העלד. און בײדע, אי גאָר־דין אי קאָברין, האָבען דאָס בשותפות, װאָס זײ װילען עס און פיהרען עס אָבער נישט אויס. ליבין װיל עס אַפילו נישט. ער שילדערט בלויז צושטענדען. ער פיהרט בלויז ארויס א שטיק לעבען, אין װעלכען עס צאַפּלען זיך, װײנען און לאַכען ברואים, װעלכע זעהען אויס װי מענ־שען. זײנע מענשען האָבען זעהר װײניג אינדיװידואַליטעט. און דאָס ביסעל אינדיװידואַליטעט, װאָס זײ האָבען, איז װי אָבגעשריעבען פון די אַקטיאָרען, װעלכע דאַרפען זײ שפּיעלען.

אָבער װי מען דאַרף זײ בײדען, קאָברינען און ליבינען, אָנרופען אָלס די בעדײטענדסטע פון גאָרדינס שולע, דאַרף מען זײ אויך אָנ־רופען די ענטװיקלונגס־פּעהיגסטע. און זאָל דאָס אידישע דראַמא מאַ־כען א װײטערען פאָרטשריט אריבער גאָרדינען און זאָל זיך דער פאָרטשריט בעפעסטיגען, זײנען זײ בײדע געװיס פעהיג, מען זאָל זײ געפינען אין דעם װײטערען מאַרש.

RADICAL LIBRARY OF CIN. O.

קאפיטעל 6.

דער אינהאַלט.

אין די פריהערדיגע קאפּיטלען האָב איך אַלץ גערעדט פון דער פאָרמאַלער זייט פון דעם אידישען דראמא אין דער גאָלדפאַדען־גאַרדין שולע. פון דער פאָרם האָב איך גערעדט: ווי דאָס איז געבויט און צונויפגעשטעלט געוואָרען. אין דעם קאפּיטעל וועל איך רעדען וועגען דעם אינהאַלט. וועלכע פּראָבלעמען און געדאַנקען און ליידענשאַפטען פילען עס אויס.

מען קאָן אומעטיג ווערען, אָדער מען קאָן שמע ישראל שרייען. אזוי עלענד און בעליידיגענד איז דער אינהאַלט פון די דראמען אין דער גאָלדפאַדען־גאַרדין שולע. זייער שלעכטע פאָרם, זייער קונסט־לאָזיגקייט, זייער אָבגעשטאַנענקייט אין פערגלייך מיט דער דראַ־מאַטישער ליטעראַטור אין אַנדערע שפּראַכען, קאָן אונז נישט בע־ליידיגען, ווי עס קאָן אונז נישט בעליידיגען, וואָס זייערע בעשאַפער זיינען קיין שעקספּירס און קיין שיללערס נישט. אָבער דאָס, וואָס די דאָזיגע דראַמאַטיקער האָבען אונז גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגען, איז בעליידיגענד. פּראָבלעמען און ליידענשאַפטען, אידישע און מענש־ליכע פראַגען, אומזיסט וועט מען זיי ביי זיי זוכען. דאָס זיינען אַלץ געשעפטס־לייט, בלויז געשעפטס־לייט. זיי האָבען זיך קיינמאָל נישט געקימערט אום דעם אינהאַלט, אבי דאָס שטיק זאָל אויספילען א גאַנצען אבענד, אבי דאָס שטיק זאָל נושא חן זיין ביי דעם קויפער.

זיי שאַפען אַלע אויף איין דרך. פאַמיליען־דראַמען, מיט ליעבע און א מאָל אפילו אָהן ליעבע, קליינטשיקע אינטערעסען, איינצעל־שיקזאַלס, גאַנץ אונאינטערעסאַנטע, גאָרנישט זאָגענדיגע. זיי לאָזען

זיך קיינמאָל נישט אראָב אין די טיעפעניסען פון דער מענשליכער נשמה, בעריהרען נישט די גרויסע מענשליכע ליידענשאַפטען, געהען אָבער אויך פאַרביי דאָס אידישע לעבען מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען. דאָס איינציגע אידישע פּראָבלעם, וואָס זיי האָבען אַביסעל בעריהרט, און דערצו אויבערפלעכליך, איינזייטיג, מגושם'דיג, איז געוועזען דער קאַמפּף פון דער השכלה־צייט געגען דעם פאַנאַטיזמוס. דורך צודרעהטע, מטושטשע בילדער, ווי אין א צובראָכענעם, פערשמירטען שפּיעגעל דערקענען מיר עפּעס פון די שטרייטיגקייטען און אידעען, וועלכע האָבען אויסגעפּילט די אידישקייט מיט א צוויי דורות צוריק.

נור גאָלדפאַדען האָט איינמאָל געפּרובט אויפצוהעבען זיך צו דער אמת'ער מיסיאָן פון א אידישען קינסטלער. אין זיינע „משיח'ס צייטען" איז ער ארויסגעגאַנגען פערנאַנדערצואוויקלען פאַר אונז א בילד פון דעם לעבען און שטרעבען, פון די ליידען און איבערקרעמעניסען, פון אַלע מעטאַמאָרפאָזען און שינוים פון דעם אידישען פאָלק אין זיין צייט. מיר האָבען דאָרטען די צייט פון דער השכלה, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אידען דאַרפען זיך נור בילדען, אַראָבוואַרפען פון זיך זייערע בעזונדערע מנהגים און דרכים און זיי קריגען גלייכע רעכטע. דאַן דאָס ערוואַכען נאָך דעם ערסטען קיעווער פּאָגראָם מיט זיינע רעזולטאַטען: די עמיגראַציאָן נאָך אמעריקא און די פּאַלעסטינישע בעגייסטערונג. מיר האָבען דאָרטען ישראל וואַנדערמאַן, וועלכער דאַרף מיט זיך סימבאָליזירען, ווי מען מערקט עס גלייך אָן דעם נאָמען, דאָס אידישע פאָלק. צוערסט איז ער בעגייסטערטער בילדונגס־נביא, דאַן, אין דער צייט פון דעם פּאָגראָם, איין אויסגעניכטערטער, פון דעם בילדונגס־חלום אויסגעטשוכעטער פערזיכערונגס־אַגענט. שפּעטער ווערט ער אין אַמעריקא א כורך־מאַן — ווי צווישען צוויי שטיקלעך מצה דער מרור, אַזוי געהט ארום ישראל אין נויאָרק, אויף דער ברוסט און אויפ'ן רוקען צוויי גרויסע פּלאַקאַטען — אַנאָנסען פון עפּעס א געשעפט — און דאָס איז זיין פּרנסה. פון ניו יאָרק רייזט ער נאָך אַרגענטיניען, זיין שיף געהט אונטער (איז עס נישט א סימבאָל פון דעם אונטערגאַנג פון באַראָן הירש'ס אַרגענטינישער אונטערנעהמונג!) און ווערט ענדליך מגולגל נאָך פּאַ־

לעסטינא. און מיר האָבען דאָרטען יונטעל שנאָרער, איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע פיגורען, פול האַרציגען הומאָר, אַ פערקערפּערונג פון דעם אידישען שנאָרערטום מיט זיינע משולחים, גשרפים, הכנסת־כלה׳ניקעס א. ז. וו., וועלכער אפילו ביים שיף־אונטערגאַנג כאַפּט זיך אָן מיט איין האַנד פאַר דאָס רעטונגסשיפעל און שטרעקט אויס די צווייטע צו די אין דעם שיפעל זיצענדיגע אידישע קינדער און בעט אַ נדבה אויף זיין טאָכטער די אָרמע כלה, וועלכע האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט און לעבט זיך גאַנץ בעל־הבית׳יש אין פּאַלעס־טינא, וואוהין ער ווערט אויך צולעצט פערוואָרפען. עס ליעגט אַ גרויסאַרטיג וועלען אין דעם שטיק; דאָס קאָנען, ליידער, האָט נישט אויסגערייכט. קינסטלעריש שטעהט דאָס ווערק גאַנץ ניעדריג, אָבער אַלס צייט־דאָקומענט וועט עס האָבען אַ בלייבענדען ווערטה, און אַלס דאָקומענט פון דעם מענש גאָלדפאַדען מיט זיין גלויבען און זיי־נע האָפנונגען.

און נאָך אַ מאָל האָט זיך גאָלדפאַדען געפּרובט אויפהעבען אין די וועלט פון בעדייטענדע פּראָבלעמען. אין דעם פּראָלאָג פון „לא תחמוד" נעמט זיך אונטער דער שטן אראָבצופיהרען פרומע מענשען פון גלייכען וועג. אין די ווייטערע אַקטען האָט עס געדאַרפט געטאָן ווערען. אָבער גאָלדפאַדען ווערט דאָ פערלאָזען פון אַלע גוטע גייסטער און שטעהט פאַר אונז אין זיין גאַנצער בדחנישער נאַקעטקייט און מאַכט זיך נאַריש.

שמר, הורוויץ, לאַטיינער און אַלע אַנדערע שונדיסטען האָבען גאָרנישט, וואָס אויפצואווייזען. זיי זיינען אין גאַנצען פּוסט. עס איז ניטאָ אפילו קיין וועלען אין זייערע שרייבערייען. דאָס זיינען דורכ־אויס אונזיניגקייטען, נאַרישקייטען, אָהן לעבען, אָהן מענשען, אָהן יעדען אינהאַלט, ברעכעניסען, וועלכע האָבען געקאָנט אויסנעמען נור ביי אַ פּובליקום, ביי וועלכען טעאַטער און צירק שטעהען אויף איין שטופע. —

אָבער אויך גאָרדין און זיינע נאָכפאָלגער מאַכען אַ קנאַפּען פאָרט־שריט אין דער הינזיכט. די מעשה ווערט קאָמפּליצירטער, די מענשען געווינען מעהר רעאַליטעט, די פּיעסע ווערט מעהר קונסטמעסיג.

דאָך זיינען דאָס דיעזעלבע פאַמיליען־דראַמען מיט קליינטשיקע אינטערעסען, דאָס רוב גאָרנישט זאָגענדיגע איינצעלשיקזאַלם. מעשות גלאַט זיך אין דער וועלט אַריין, איינגעטיילט אין לאַנגע פיער אַקטען, אום אויסצופילען דעם אַבענד, אַפילו מעהר ווי נויטיג. דער 55־יעהריגער גאָרדין האָט געוויס צוגעזעהן, אויב אַליין נישט איבערגעלעבט און דורכגעמאַכט, אַ סך קעמפף און בעדייטענדע געשעהעניסען אין דעם לעבען פון דעם אידישען פאָלק, האָט אָבער אין קיין איינציגען שטיק נישט בעריהרט קיין אידישע פראָבלעמען, וועלכע האָבען אויפגעריהרט אונזער פאָלקס נשמה. אין עטליכע שטיקער בעריהרט ער גאַנץ אויבערפלעכליך און איינזייטיג דעם קאַמפף פון דער השכלה געגען פאַנאַטיזמוס מיט דעמזעלבען נוסח און אויף דעמזעלבען שטייגער ווי גאָלדפאַדען און שמר. דער מאָדערנער מענש גאָרדין בעהאַנדעלט ערגיץ־נישט קיין פראָבלעמען און לײדענשאַפטען, וועלכע שטורמען אין דער נשמה פון דעם מאָדערנעם מענש. אין עטליכע שטיקער האָט ער פּרובירט צו בעהאַנדלען צייט־פראַגען, אָבער ווי האָט ער דאָס געטאָן! כלאחר יד, אויבערפלעכליך, קיינמאָל נישט אריינגעהענדיג אין דעם עצם פון דער זאַך. מען זעהט גלייך: דאָס פראָבלעם, די צייטפראַגע איז בלויז אַ צוטשעפּ, און דער עיקר איז דאָס מאַכען אַ שטיק. און מען מוז גלייך צוגעבען: די אַלע צייט־פראַגען־פיעסען געהערען צו זיינע אונבעדייטענדסטע ווערק. אין דער „וואַהרהייט“ האָט ער אויפגענומען דאָס פראָבלעם פון געמישטע חתונות צווישען אידען און קריסטען, נישט צוגעהענדיג צו איהם פון קיין שום העכערען נאַציאָנאַלען אָדער רעליגיעזען אָדער סתם מענשליכען שטאַנדפּונקט, אום צו קומען צום שלום, אַז אַזעלכע חתונות זיינען איין אונגליק פאַר ביידע טיילען. אין „טהרת המשפחה“ וויל ער בעווייזען, אַז דאָס לעבען פון די ראַדיקאַלען מיט זייערע בעגריפען פון ליעבע איז רייגער פון דעם לעבען פון די אַזוי־צוזאָגענדיגע בעל־הביתישע אידען. ער שלעפּט אריין דעם בעוויז מיט געוואַלט. אַז דאָס איז גאַנץ איינזייטיג, דאַרף נישט ערסט געזאָגט ווערען. אין „סאַפאָ“ פיהרט ער אויף אַ מיידעל מיט פרייע געדאַנקען וועגען די פערהעלטניסע צווישען זכר און נקבה און לאָזט זי קעמפפען פאַר... דאָס רעכט פון דעם

מאן צו האבען צוויי ווייבער. ווארום נישט איהר געליעבטער וויל אוועקווארפען זיין געזעצליכע פרוי, ווייל ער ליעבט זי גאר אפילו, און נישט „סאפא“ בעט פון איהם דאס, נור זי וויל, אז די ארומיגע, און דער עיקר די געזעצליכע פרוי און איהרע עלטערן, זאלען צוזעהן איהרע פערהעלטניסע צו איהר געליעבטען און שווייגען. עטוואס אומגעלומפערטערעס איז זיך שווער פארצושטעלען. אין „אויף די בערג“, א טויט געבארען קינד פון זיין מוזע מיט א מין וויכטיג מאַכענדיגען, אבער אין דער אמת'ען גאנץ קינדישען פראלאג, וואו דער בערג־גייסט בעקלאגט זיך, א לא האופטמאנס „וואלדשראט“ אין דער „פערזונקענער גלאקע“, אויף די מענשען, וועלכע בעאונרוהיגען איהם, און גאנץ בעזונדערס אויף די אידען, וועלכע עקלען איהם מיט זייערע זומער־בעזוכען, האט גארדין געוואלט מסתמא ברייננגען איין אילוס־טראציע צו דעם בערגגייסטס טענות, און ער פיהרט אויף א פאר אויפגעקומענע אידישע גבירים, וועלכע פערברייננגען זייער זומער אין א זומער־פלאץ אין די קעטסקיל־בערג מיט קארטען־שפיעלען און ווייבער־פערפיהרען און צווישען וועלכע א מענש מיט אידעען געהט פערלארען. אבער ווייטער ווי צו קאריקאטור אויף א פאר איהם פער־זענליך אונאנגענעהמע ניו יארקער בורזשויעס האט ער נישט געבראכט. ווארום אום צו בעווייזען, אז דער בערגגייסט איז גערעכט אין זיינע טענות געגען אידען, איז ווענינ ארויסצופיהרען בלויז איין פאמיליע מיט צוויי־דריי געסט, וועלכע זיינען אבסאלוט נישט טיפיש פאר אלע אידען. און דערביי זיינען זייערע פערברעכענס, דאס קארטען־שפיעלען און ווייבער־פערפיהרען, גארנישט ספעציעלע אידישע פערברעכענס. און דער מענש מיט אידעען, וועלכער געהט פערלארען צווישען די דאזיגע זינדיגע בערג־בעזוכער, איז — א מיידעל פון זעכצעהן יאהר, וועלכע האט געצאהלט דעם ציוניסטישען „שקל“, זייענדיג אין רוס־לאנד.... און פאר וואס איהר אונטערגאנג דארף דוקא פארקומען אויף א זומערפלאץ אין די בערג, ליעגט אין דעם סוד פון יאגענים נאך ביליגע עפעקטען און וויכטיג מאכען זיך. אין „אהן א היים“ האט ער געוואלט ארויסברייננגען, ווי דאס אמעריקאנער לעבען צושטערט דאס אידישע פאמיליען־לעבען און פערניכטעט די לאנג־איינגע־

פונדעוועטע אידישע היים. און ער דערצעהלט ברייט און לאנג עט־ליכע מעשות, צווישען וועלכע דעם הויפטאָרט פערנעמט די געשיכטע פון א פראָסטער אידישער פרוי, וואָס איהר מעהר פאָרטגעשריטענעם מאַן ווערט לאַנגוויילינ מיט איהר און ער פערליעבט זיך אין א מעהר פאָרטגעשריטענע, געבילדעטע מיידעל. דאָס איז אזוי פיעל אמערי־קאַניש און אידיש, וויפיעל רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש. און דער פאַקט איז, אז דער דייטש האופטמאַן האָט שוין מיט 17 יאָהר צוריק בעהאנדעלט איין עהנליך טעמא אין זיינע „איינזאַמע מענשען".

נור איינמאָל ווענדט זיך גאָרדין צו דער וועלט פון בעדייטענדע פראָבלעמען. דאָס איז אין „גאָט, מענש און טייפעל". דער שטן פער־אכטעט די מענשען. זיי זיינען אַלע שלעכט אין זיינע אויגען. „אין נם אחד" צווישען זיי. און אויך דער גוטער, פרומער הערשעלע דער סופר, פון וועלכען גאָט האָט אזוי פיעל נחת, איז פרום און גוט נור ביז א צייט. ער נעמט זיך אונטער זעהר לייכט אראָבצופיהרען דעם פרומען סופר פון גלייכען וועג מיט דער מאַכט פון געלד. ער מאַכט דעם סופר רייך, און זעה — דער סופר טוט טאַקי באַלד אַלץ, וואָס דער שטן וויל פון איהם: גיט געלד אויף פּראָצענט, צו׳גט זיך מיט זיין ווייב, אום חתונה צו האָבען מיט זיין יונגער און שיינער פּלי־מעניצע, גרינדעט א פאַבריק, אום נאָך רייכער צו ווערען פון פרעמ־דער פּראָצע. יעדעס מאָל קעמפּפט ער געגען שטן, וויל פערמאַכען די אויערען פון יענעמס בייזע אָנרעדעניסען, און טוט דאָך צו וואָס דער שטן רעדט איהם צו. ער זינקט, ער ווערט אַלץ זינדיגער. ער פאַלט אָבער נישט. ווען איין אַרבייטער אין פאַבריק פערליערט זיין האַנד, ווערט הערשעלען קלאָר, ווי ער איז ווייט אַוועק פון דעם גוטען וועג און ער מאַכט א סוף צו זיין זינדיגען לעבען. דער שטן פערשפּיעלט.

— דאָס פּראָבלעם איז גרויס, בעדייטונגספול. פון אַלע ביזאהעריגע גאָרדינס ווערק האָט דאָס שטיק דעם בלייבענדסטען ווערט; דורך דאָס געשטעלטע פּראָבלעם פערדיענט עס אויך א פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור. ליידער האָט גאָרדינס קאָנען נישט אויסגערייכט דאָס פּראָבלעם ריכטיג דורכצופיהרען. עס העבט זיך אויף דער פּאָר־האַנג, און גאָרדין לאָזט אונז וויסען: איהר וועט באַלד זעהן, ווי דער

גוטער, עדלער און אמת פרומער הערשעלע וועט קאַליע ווערען ביי דעם שטן אין די הענד. און דער פאַרהאַנג פאַלט און העבט זיך וויע־דער אויף, און גאָרדין לאָזט אונז וויסען: איהר זעהט, ער איז קאַ־ליע געוואָרען. צווישען די אַקטען האָט ער געקראָגען געלד און גיט עס שוין אויף פראַצענט. דאָך מיר שטעהען און פרעגען: יא, אָבער ווי איז דאָס געשעהן? ווי איז ער דאָס קאַליע געוואָרען? און ווייל מיר וויסען נישט, ווי דאָס איז געשעהן, ווייסען מיר נישט צו איז דאָס איבערהויפּט געשעהן. זיינען דאָך די אַנדערע ארום הערשעלען נישט קאַליע געוואָרען פון דעם געלד, נישט זיין ווייב, נישט זיין טאַטע, נישט זיינע פּלימעניצעס. מיר שטעהען, ווי פאַר אַ פּאָקוסניק, וועלכער בעווייזט אונז זיין לעדיגען צילינדער און זאָגט אונז אָן, אַז זיין צילינדער וועט באַלד אַנגעפּאַקט ווערען מיט די פערשיעדענסטע אַנטיקלעך, און זעה — ער שלעפּט טאַקע פון צילינדער שטיינגלעך און קיסעלעך און וויבערשען גאַרדעראָב און לעבעדיגע גענז. אָבער מיר דענקען, אַז דאָס איז עפּעס אַ מין אויגען־פערבלענדענים און ער שלעפּט גאָר די אַנטיקלעך פון זיין אַרבעל און פון הינטער זיין שטול. און וועדליג גאָרדין האָט בעשאַפען אין „גאָט, מענש און טייפעל“ אויס־געצייכענטע עפּיזאָדען־פיגורען מיט אַ זעהר געלונגענעם מזיק, איז די הויפּט־פיגור, דער פרומער סופר, די בלייבע שאַטענבעשעפענים פון איין אויגען־פערבלענדיגען פּאָקוסניק. —

און ווידער אַ מאָל געהט גאָרדין אוועק צו אַ טעמא, וואָס שטעהט הויך אין דער וועלט, הויך איבער דער אַלטעגליכקייט און נעמט זיך פאַר אַ העלד אלישע בן אבויה, דעם גרויסען תנא, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיינע פריערדיגע לעהרען און איז געוואָרען איין אנ־דערער, איין אחר. דאָס טראַגישע אין איהם איז, ווי ער איז געוואָ־רען איין אחר, ווי ער האָט געמוזט ווערען איין אחר. מיר קאָנען זיך לייכט דענקען, אַז דער גרויסער תנא, דער פערשפּרייטער פון דער תורה ביי אידען, איז נישט איבער אַ נאַכט געוואָרען איין אחר. גרוי־סע קעמפּף האָט ער דורכגעלעבט און דורכגעמאַכט, ביז ער איז גע־קומען דערצו. אייזערנע אורזאַכען, אינערע און אויסערע, האָבען איהם בארגשוועער געצוואונגען אָבצוזאָגען זיך פון דעם, וואָס ער האָט יאָה־

רענלאַנג, דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען געהאַלטען פאַר דעם ריינסטען, דעם געטליכסטען אמת. די אַלע דורכגעמאַכטע קעמפף און די אַלע אורזאַכען צו דערגעהן, צו זעהן פאָרגעפיהרט פאַר די אויגען, איז דאָס אינטערעסאַנטעסטע אין איין אחר־טראַגעדיע. דאָס איז אויך דאָס בעדייטונגס־פולסטע. גאָרדין נעמט אָבער שוין אַ פאַרטיגען אחר און שאַפט אַ שוואַכע קאָפּיע פון „אוריאל אקאסטא“, אָדער, וואָס נאָך ערגער, חזרט איבער אין אַ קוים בעסערער פאָרם זיין אייגענעם שונדיגען „מאיר יוזעפאָוויטש“. *) — —

דיביידע בעדייטענדסטע דראַמאַטיקער פון גאָרדינס שולע, קאָברין און ליבין, זיינען טריי געוועזען דער שולע אויך בנוגע צום אינהאַלט. נור אין דער לעצטער צייט, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען פאָגראָם־דראַמען און פאָגראָם־ערצעהלונגען, האָבען זיי זיך אָבגעריסען פון זייערע געוועהנליכע טעמען, און קאָברין האָט אויפגעשריעבען אַ פאָגראָם־דראַמע „דער גרויסער איד“, און ליבין אַ פאָגראָם־דראַמע „דער אייביגער איד“. איך קען נישט ביידע דראַמען, אָבער ווי ווייט מען קאָן זיך פערלאָזען אויף אונזערע קריטיקער, האָבען די ביידע ווערק נישט אריינגעבראַכט קיין בעזונדערען כבוד נישט זייערע בעשאַפער און נישט דעם אידישער דראַמא. זיי זיינען אויך שנעל פערשוואונדען און פערזונקען געוואָרען אין פערגעסענהייט, ווי עכטע און רעכטע גלעגענהייטס־מאַכעריען.

* * *

פערטראַכט מען זיך אויף דער פראַגע, פאַר וואָס ווערען אין די אידישע דראַמען פון דער גאָלדפאַדען־גאָרדין שולע אזוי זעלטען בעהאַנדעלט אידישע פראַגע און פראָבלעמען, וואַרפט זיך באַלד אין די אויגען די נישט־אָריגינאַליטעט פון זיי. די דאָזיגע דראַמען זיינען אָפט, אויב נישט דאָס רוב, גענומען פון נישט־אידישע קוועלען. זיי

---

*) איבערהויפּט, נאָך געוויסע לעבענס־אומשטענדען פון זיין אחר צו אורטהיילען איז געשטאַנען פאַר גאָרדינס אויגען נישט דער אידישער תנא אלישע בן אבויה, נור דער גריכישער פילאָסאָף סאקראַטעס, און ער איז ניט געוועזען קינסטלער און דענקער גענוג, אום איינצוזעהן דעם גרויסען חילוק.

זיינען גאַנץ אָפּט בלויז פּעראַידישט פון גויאישע דראַמען. זייערע פּער־פאַסער האָבען זיך עס זעהר לייכט געמאַכט. אַנשטאַט אָנצושטריי־נגען די אייגענע פאַנטאַזיע און שעפּען טעמען פון זייער אייגענעם לעבען, פון דעם לעבען פון זייער פאָלק, האָבען זיי זיך בעסער גע־ווענדעט צום פאַרטיגען רעפּערטואַר פון דעם גויאישען טעאַטער און געמאַכט גרים. זיי האָבען זיך דאָך קיינמאָל נישט געקימערט אום דעם אינהאַלט, זיי האָבען נור געדאַרפט צושטעלען פּיעסען.

גאָלדפאַדען, ווי אונזער עלטסטער שוישפּיעלער יעקב פּ. אדלער האָט מיר עדות געזאָגט, האָט גענומען אַ סך פון זיינע זאַכען פון רו־מענישען. קאַלדוניע, שמענדריק, קונעלעמעל קומען פון יענער קוועלע. אָבער אויך אָהן אַלע עדות קאָן מען גלייך מערקען דאָס פרעמדע לעבען אין די דאָזיגע אידישע פּיעסען. אַזוי צום ביישפּיעל, די סטו־דענטען־סצענען אין קונעלעמעל.

אויף די שונדשרייבער פון גאָלדפאַדענס חדר דאַרף מען אויך קיין עדות נישט. דאָס זיינען בעקאַנטע פּאַראַזיטען אָהן קיין ביסעל פאַנטאַזיע, וועלכע האָבען אויסגעקליעבען די פערשיעדענסטע אונ־זיניגקייטען אין דער וועלט־ליטעראַטור און נאָך מעהר אונזיניג גע־מאַכט. נאַטירליך פלעגען זיי זיך נישט אָבשעלען אויך פאַר מיים־טערווערק און אַראָבשלעפּען זיי אין זייער שמוץ. אַזוי איז שמר דער־גאַנגען אפילו צו אַזאַ געשמאַקלאָזיגקייט, ווי צו פּעראַידישען און פערשונדעווען גאָגאָלס „רעוויזאָר“!

אָבער אויך גאָרדינס פּיעסען זעהען גאַנץ אָפּט אויס, ווי זיי וואָל־טען אָבגעשטאַמט פון גויאישע קוועלען. איך ווייס: „דבורה׳לע מיוחסת“ איז פּעראַידישט פון אָסטראָווסקי׳ס „גרעך דא בעדא נא קאָוואָ ניע זשיוויאָט“, „שלמה׳לע שאַרלאַטאַן“ פון אָסטראָווסקי׳ס „בעדנאָסט ניע פּאָראָק“. די קוועלע פון דעם „אידישען קעניג ליר“ איז וועלטבעקאַנט. „עץ הדעת“ איז אויפגעבויט אויף פריעדריך העב־בעלס „מאַריא מאַגדאַלענע“ — העבבעלס אַנטאָן דער טישלער האָט זיך מגייר געווען, אָבער זיין זוהן איז איין עכטע קאָפּיע פון קאָנס־טאַנטינען אין נאַידיענאָווס בעריהמטער פּיעסע „דעטי וואַניושינא“. „דער פרעמדער“ איז אַרויסגעוואַקסען, ווי גאָרדין אליין גיט אָן, פון

טעניסאָנס „ענאק אַרדען“. די אויבענדערמאָנטע „סאפא“ איז אַרויס־
געאידישט געוואָרען פון דאדעם „סאפא“. „דער אונבעקאַנטער“ מיט
זיין נאָמען און שלמה חוץ׳ס פילאָזאָפיע איז פון פשעבישעווסקיס
„גאָלדענער פליעס“. „די שבועה“ איז איין איבערגעמאַכטער, פער־
יוייבערטער „פוהרמאַן הענשעל“ פון האופטמאַן (גאָרדין האָט איהם
ועמוזט פערווייבערן צוליעב מאַדאַם ליפצין). און איך וואָלט געשוואָ־
רען, אַז אויך „די שחיטה“ מיט איהר גאַנצען אידישען ארום פון
רבנים, שוחטים און לומדים איז געבאָרען געוואָרען מיט דעם כח
פון אַ גוי. איך געפין אין איהר אַ סצענע פון אסטראָווסקים „ניע
טאַק זשיווי קאַק כאָטשעטסיא“ — דאָס איז די סצענע, וואו די על־
טערען דערקלערען זייער טאָכטער, וועלכע איז ענטלאָפען פון איהר
ברוטאַלען מאַן, אַז זי מוז זיך אומקעהרען צו איהם צוריק. „באַג
סאיעדיניל, טשעלאָוויעק ניע ראזלוטשאיעט“ (גאָט האָט פעראייניגט,
קאָן קיין מענש נישט פערנאַנדערשיידען), זאָגט דער טאַטע ביי
אסטראָווסקי׳ן. „וואָס גאָט ב״ה האָט צונויפגעבונדען, קאָן קיין מענש
נישט צורייסען“, זאָגט דער טאַטע ביי גאָרדינען. דערביי איז צו בע־
מערקען, אַז וואָס עס איז זעהר ריכטיג אין דעם מויל פון אַ פראָוואס־
לאווענעם קריסט, וועמעס גלויבען מאַכט דעם גט כמעט פאַר איין
אונמעגליכקייט, איז גאָר נישט אַזוי ריכטיג אין דעם מויל פון אַ אי־
דישען רב׳ל, וועלכער האָט פון גט׳ן אַ שיינע הכנסה. אויך דאָס כאַ־
פען־זיך צום מעסער אין איין אָנפאַל פון משוגעת האָבען מיר דאָר־
טען. און געשוואָרען זיך וואָלט איך דערפאַר, וואָס צלאל ראַפאָ־
פאָרט, דער פרומער פיהרער פון אַ פרומער אידישער קהילה, מיט
זיינע נישט־אידישע מעשים, ווי הייסען דעם דוואָרניק אראָבוואַרפען
דעם רב פון אַלע טרעפ, ארומפאָהרען איבער די גאַסען שיכורערהייט
און לעבען מיט זיין גובערנאַנטקע בפרהסיא, נישט שעמענדיג זיך
אַפילו פאַר זיינע אייגענע קינדער, איז איין אונמעגליכקייט אין דעם
אידישען לעבען. איך מוז מיך וואונדערן ,ווי גאָרדין איז צו איהם
געקומען. דאָס הערט מיר אָבער אויף קשה צו זיין, ווען איך בעדענק,
אַז צלאל ראַפאָפאָרט איז אַ זוהן פון דעם קופיעץ פיאָטר, אסטראָווס־
קי׳ם שיכור׳ען העלד.

דאָס זיינען געווען געדאַנקען ביישפּיעלס. און מיר קאָנען זיך יעצט דענ־
קען, אַז אויך אין אָריגינעלע פּיעסען האָבען די דאָזיגע שריפטשטע־
לער געמוזט בלייבען גלייכגילטיג צו אידישע פראַגען און פּראָבלעמען.
דורך בעאַרבייטען אָפּט גויאישע טעמען, האָט זייער גאַנצער געדאַנ־
קענגאַנג דערווייטערט זיך פון ריין אידישע פראַגען. און עס וואָלט
אויסגעזעהן טרויעריג מיט דער צוקונפט פון דעם אידישען דראַמאַ,
אויב עס וואָלטען נישט געקומען אַנדערע דראַמאַטיקער מיט אַנדערע
שטרעבונגען.

קאפיטעל 7.

די אַנדערע.

דאָס זיינען די, וועלכע האָבען פון גאָלדפאַדענען גאָרנישט אָבגע־לערנט און זיינען אין גאָרדינס וועגען נישט געגאַנגען. דאָס זיינען די, ביי וועלכע דער אינהאַלט איז דער עיקר, און זיי שאַפען, ווייל זיי האָבען עפּעס וואָס צו זאָגען. דאָס זיינע די, וועלכע לאָזען זיך נישט פיהרען פון די אַקטיאָרען, און געשטאַלטען נור דאָס, וואָס זיי טראָ־גען אויף זייערע נשמות. און זיי האָבען נאָך בשותפות דאָס, וואָס זיי זיינען אַלס ביהנענדיכטער בלויז פערשפּרעכער און מעגליכקייטען: זיי האָבען נאָך קיין דראַמאַ נישט געשאַפען, אָבער מען קאָן עס פון זיי ערוואַרטען, מיט מעהר אָדער וועניגער רעכט.

אָט צו די אַנדערע געהערען י. ל. פּרץ, שלום אש און פּרץ הירש־ביין. —

* * *

די גאַנצע אידישע ליטעראַטור, וועלכע איז בעשאַפען געוואָרען אין די אַכטציגער און ניינציגער יאָהרען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר־הונדערט אין רוסלאַנד, איז געוועזען עפּיש און ליריש. ערצעהלונגען און ליעדער האָבען זי אויסגעפילט. דער דראַמאַטישער טייל האָט אין גאַנצען געפעהלט. און נישט בלויז, ווייל יעדע ליטעראַטור איז אין אַנפאַנג עפּיש און ליריש און קומט ערסט אין איהר וועיטערער ענט־וויקלונג צו דראַמאַ. אין דעם אונגאָרמאַלען אידישען לעבען דאַרף מען זיך נישט ריכטען אויף אַ רעגעלמעסיגע ענטוויקלונג. די גרעסטע שפּרינג דאַרפען אונז נישט איבעררעשען. מיר געהען נישט זעלבסט־שטענדיג, מיר לויפען נאָך די פעלקער, צווישען וועלכע מיר וואוינען.

און אזוי האָבען מיר שוין גאנץ לאנג צוריק איבערגענומען פון זיי אַזעלכע אידישע פּיעסען, ווי מכירת יוסף, חכמת שלמה, אחשורש און אסתר און געמאַכט זיי פאר א טייל פון אונזער לעבען און ליטעראַ־טור. אין די 70־ער יאָהרען העבט אָן גאָלדפאַדען צו שרייבען זיינע פּיעסען, אָבער נאָך א לאנגע צייט פאר איהם, אין 1861, ערשיינט דר. שלמה עטינגערס טעאטער־שטיק „סערקעלע". און אין אָנהעב פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט שרייבט אויך אבראַמאָוויטש טעאַטער־ווערק ווי „די טאַקסע" און „דער פּריזיוו". דער אָנהעב אין דראמא איז שוין לאנג געמאַכט געוואָרען, אָבער ער איז נישט געקומען צו איין ענטוויקלונג. דאָס אידישע טעאַטער איז פערבאָטען געוואָרען אין דעם אָנהעב פון די 80־ער, און שרייבען דראַמען גלאַט אזוי, אָהן דער מעגליכקייט אויפצופיהרען זיי, האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט. און דערצו איז נאָך דער צושטאנד פון דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס אונטער איהר איינפלוס האָט זיך בעפונען די אידישע, נישט געווען גינסטיג פאַר דראַמא. אין איהר, אין דער רוסישער ליטעראַטור, האָט דראַמא פערנומען דעם לעצטען פּלאַץ. נישט קוקענדיג, וואָס דאָס רוסישע טעאַטער האָט דערגרייכט א הויכע שטופע און געקאָנט בע־ריהמען זיך מיט גלענצענדע אַרטיסטען און מיט א הויך ענטוויקעל־טער שוישפּיעל־קונסט, האָט זיך קיינער פון די רוסישע גרויסע דיכטער נישט אָבגעגעבען מיט טעאַטער ספּעציעל אָדער אפילו הויפּטזעכליך. די גרויסע רוסישע שריפטשטעלער זיינען געווען דער עיקר ראָמאַניסטען און פּאָעטען, און נור ווי צופעליג פלעגען זיי אָנשרייבען א דראַמא, און נישט שטענדיג האָבען זייערע דראַמאַטישע ווערק געהערט צו זייערע בעסטע זאַכען. אין די 50־ער יאָהרען העבט אָן אָסטראָווסקי צו שרייבען און בלויז פאַר דאָס טעאַטער. אָבער ער בלייבט דער איינציגער בעדייטענדער. די איבריגע, וועלכע שרייבען ספּעציעל פאַר'ן טעאַטער, זיינען בלויז שטיק־צושניידער, ליפעראַנטען פון פּיעסען. די אַלע שפּאַזשינסקיס, קרילאָווס, ניעווזשינס, פּעדאַטאָווס א. ז. וו. האָבען נור געקאָנט אָבשרעקען פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור, אָבער נישט אַרויסרופען קיין חשק צו אַרבייטען אין איהר. און אזוי איז די גאַנצע רוסישע

ליטעראַטור אין 19־טען יאהרהונדערט געווען דער עיקר עפּיש און ליריש. און ווערליג גראַף טאָלסטאָי'ס דראַמא „די מאַכט פון דער פינסטערניס" האָט אַנגעמאַכט אַ רעש אין דער וועלט־ליטעראַ־טור און איז געוואָרען פאַר די דייטשע נאַטוראַליסטען אַ שולבוך, פון וועלכען זיי האָבען זיך געלערנט שרייבען, האָט זי אין רוסלאַנד גופא קיין נאָכאהמונגען נישט ארויסגערופען און קיין נייע עפּאָכע נישט בעשאַפען. מען האָט געקוקט אויף די דראַמאַטישע קונסט ווי אויף אַ ניעדריגערע קונסט און בעהאַנדעלט זי נאָך דעם נאָך, גאַנץ שטיפקינדעריש, פון אויבען אַראָב, פאַרבייגעהענדיג.

די אידישע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען געגאַנגען אין די פוס־שפּורען פון די רוסישע, האָבען זיך אויך אַזוי פערהאַלטען צו דראַמאַ. זיי האָבען נישט געשריעבען קיין דראַמען נישט בלויז, ווייל מען האָט קיין טעאַטער נישט געהאַט, וואו אויפצופיהרען זיי, און אויך נישט, ווייל זיי האָבען זיך נישט געפיהלט פעהיג און בערופען — האָבען דאָך סוף כל סוף דיזעלבע ערצעהלער און דיכטער גענומען זיך פאַר דראַמען און איידער דאַס טעאַטער איז ערלויבט געוואָרען. נור זיי האָבען געהאַלטען די דראַמאַטישע ליטעראַטור פאַר אַ ביליגערע, קלענערע, שפּל'ערע. איין שלום עליכם האָט אָנגעשריעבען אין דער נישט־דראַמאַטישער צייט אַ פּאָר קאָמעדיען ווי „דער גט" און „יכנה"ז", אָבער אום צו בעווייזען, ווי פער־עכטליך ער פערהאַלט זיך צו דראַמאַ: וואָס ער האָט זיך געשעמט צו שרייבען אין ערצעהלונגס־פאָרם, האָט ער אָנגעשריבען אין דיאַלאָג־פאָרם. דאָס זיינען זאַכען, וועלכע קאָנען דיענען פאַר אַ ביישפּיעל, ווי ביהנענווערק דאַרפען נישט געשריעבען ווערען. גאַנץ פאָרמלאָזע, אָהן־האַנד־און־אָהן־פוסיגע זאַכען. דער גרויסער הומאָריסט שלום עליכם שטעהט פאַר אונז ווי איין אָבגעפּליקטער האָן, אָהן וויץ און אָהן הומאָר. זיי האָבען נאַטירליך קיין נאָכאהמער נישט געקאָנט גע־פינען און קיין בעזונדערען רייץ דראַמען צו שרייבען ביי די אידישע שריפטשטעלער נישט ארויסגערופען. מען האָט זיי נישט געקאָנט נעהמען ערנסט, ווי מען האָט נישט גענומען ערנסט די דראַמאַטישע מאַכערייען פון גאָלדפאַדען און קאָמפּאַניע.

סוף ניינצעהנטען און אָנהעב צוואַנציגסטען יאהרהונדערט ווערט אַ שטיקעל איבערקעהרעניס אין דער רוסישער ליטעראַטור. זי ווערט דראַמאַטיש. טשעכאָווס דראַמען האָבען געזיעגט איבער זיינע ער־צעהלונגען און זיינען אַרויסגעטראָטען אין פראָנט. זיי רייצען צו נאָכאַהמונגען און באַלד מאַכט נאַדיעגאָוו אַ רושם מיט זיינע „וואַניושינס קינדער", גאָרקי נעמט זיך צו דראַמען, און דאַן טשי־ריקאָוו, לעאָניד אַנדרעיעוו, יושקעוויטש, און ווער עס פיהרט נור מיט דער פען.

און די אידישע ליטעראַטור העבט זיך אָן צו בעוועגען אין איהרע שפּורען. עס העבט זיך אָן וועלען דראַמען שרייבען, אין דראַמאַטישער פאָרם אַרויסברייגגען געפיהלען און געדאַנקען. און נישט קוקענדיג אויף דאַס, וואָס דאַס טעאַטער איז נאָך געוועזען פערבאָטען, העבען שוין אָן די אידישע שריפטשטעלער אויסצופּראָבירען זייערע כחות אין דראַמע. זיי העבען אָן אַלס נאַטוראַליסטען. זיי בעמיהען זיך איבערצוגעבען די זאַכען, ווי זיי זיינען, און אין איין אַלטעגליכען, וואָכעדיגען סטיל: זיי האָבען אָנגעהויבען צו שרייבען, ווען גאָרקי איז געוועזען דער פיהרער פון דער רוסישער דראַמאַטיק. באַלד געהען זיי אָבער איבער צו סימבאָליזמוס, מיסטיציזמוס, פאַנטאַסטיק: אין דער רוסישער דראַמאַטיק האָט לעאָניד אַנדרעיעוו איבערגענומען די פיהרונג.

אין דער אידישער דראַמאַטיק אין רוסלאַנד פּולסירט די גרויסע בעוועגונג, די גרויסע אונרוהיגקייט, וועלכע שטורמט און ברויזט אין דער רוסישער ליטעראַטור. דאַס דאַרף נישט זיין קיין פאָרוואורף. די ווירקונג פון איין ליטעראַטור אויף דער אַנדערער איז אַ בעקאַנטער פאַקט אין דער ליטעראַטור־געשיכטע. אין דער אידישער ליטעראַטור מוז זיך די ווירקונג פון פרעמדע ליטעראַטורען נאָך מעהר אָנזעהן, ווייל די אידישע שריפטשטעלער זיינען ערצויגען געוואָרען הויפּט־זעכליך אויף פרעמדע ליטעראַטורען. דער עיקר אָבער איז דאַס, וואָס דאָס אידישע דראַמאַ אין רוסלאַנד איז מעהר זעלבסטשטענדיג אין אינהאַלט. דאַס געהט נישט באָרגען טעמען פון די גוים, איבער־מאַכען און פעראידישען גוי'אישע ווערק. פּרץ, אַש, הירשביין, זיי

שטעלט זיי א סך העכער איבער דער נישט־ערנסטקייט און גלייכ־גילטיגקייט צו קונסט, וועלכע הערשען אין די דראמאטישע ווערק שטעהען אויף זייערע אייגענע פיס, טראכטען זייערע אייגענע געדאנקען, בילדען זייערע אייגענע געשטאלטען. אין זייערע נאטוראליסטישע ווערק האבען זיי געגעבען די וואכעדיגע ווירקליכקייט פון זייער אייגענעם ארום, געשילדערט מענשען און צושטענדען, ווי זיי זיינען ארום זיי. אין זייערע סימבאליסטישע, מיסטישע, פאנטאסטישע ווערק געבען זיי די חלומות, וועלכע זיי אליין האבען גע'חלום'ט, די מאדערנע געדאנקען, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען דורך דעם פורעם פון זייער אינדיווידואליטעט. און דער עיקר, זיי זיינען אידיש. אידישע אינהאלטען, אידישע פראבלעמען ווערען פון זיי בעהאנדעלט, פראגען פון דער אידישער פערגאנגענהייט, יעצטיגער צייט און צוקונפט. עכט אידישע געשטאלטען טרעטען ביי זיי אויף, נישט גרים, נישט אידישע קאסטיומען, אונטער וועלכע עס זעהען זיך ארוים גוים. די דאזיגע גרעסערע זעלבסטשטענדיגקייט און אידישליכקייט פון דעם אינהאלט איז דער גרויסער פארטשריט פון די אנדערע געגען גארדינען און זיין שולע.

אבער דער פארטשריט איז ניט בלויז אינהאלטליך, ער איז אויך פארמאל, אויך אין דער פארם. אמת, אויך די אנדערע האבען נאך קיין דראמען נישט געשאפען. פרץ'ס „גאלדענע קייט", ביי אלע איהרע גרויסע מעלות, איז דאך א נישט־דערמאכט ווערק, איז מעהר שטאף צו א גרויסער טראגעדיע, ווי די טראגעדיע אליין. אש איז לגמרי קיין דראמאטיקער נישט — דאס האט ער קלאר בעוויזען מיט זיין „שבתאי צבי". העכסטענס איז ער א ביסעל טעאטריקאלער — ווי ער האט דאס בעוויזען מיט זיין „גאט פון נקמה". הירשביין האט ביז יעצט בעשאפען מעהר אדער וועניגער טאלענטירטע דראמאטישע פראבען, וועלכע מאכען איהם פאר א האפנונג: מיר קאנען האפען, אז ער וועט נאך שאפען ריכטיגע דראמען. און דאך שטעהען זייערע ווערק העכער אין קונסטפארם ווי די ווערק פון גארדין, קאברין און ליבין. עס ליעגט אין זיי א שטרעבען צו קונסט, א קינסטלערישער ערנסט, א זוכען און ראנגלען נאך פארם. דאס

פון די דריי ניו יאָרקער, איבער דעם אראָבנעמען א מאָס פון געוויסע „שטערן“, איבער דעם צופּאַסען־זיך צו די אַקטיאָרען. זיי מאָגען האָבען א סך חסרונות, זיי מאָגען זיין נישט אויסגעהאַלטען, זיי מאָגען זיין ווייניג דראַמאַטיש, ווייניג ביהנענמעסיג, אָבער עס פעהלט אין זיי דאָס שונד־עלעמענט, וואָס פערמיאוסט די ווערק פון גאָרדין און זיין שולע. דאָס מאַכט אונז זיי אנגענעהם, דאָס פערשאַפט אונז אין זיי א גרעסערען גענוס. און טאַקע ערסט מיט דעם ער־שיינען פון די אַנדערע האָט מען אָנגעהויבען צו קוקען אויף דאָס אידישע דראַמא, ווי אויף קונסט, ווי אויף גוטע ליטעראַטור.

סוף־וואָרט.

מיין ארבייט איז געענדיגט.*) איך וויל נאָך בלויז רעזיומירען, אונטערציהען דעם סך הכל.

פון דריי, אזוי צו זאָגען, אקטען בעשטעהט פאָרלויפיג דאס אידישע דראמא. דער ערסטער אקט איז שונד. די שרייבער ווילען נור אמוזירען דעם עולם און שאפען ווערק, וועלכע האָבען דעמזעלבען ווערטה ווי צירק־פאנטאָמימען, ווערק, וואו דער אינהאלט איז לעכערליך און פוסט און די מענשען זיינען גאָר קיין מענשען נישט, נור פערזעהעניסען און קאריקאטורען, קוקלעס, געצויגענע אויף דראָט. דער צווייטער אקט איז א שריט ווייטער צו קונסט, בלייבט אָבער שטעהן אויף דער גרעניץ צווישען קונסט און שונד. דער אינהאלט ווערט רייכער, לעבענסעהנליכער, די מענשען בעקומען מעהר

*) אום זי גאנצער צו מאַכען, האָב איך אייגענטליך געדאַרפט דערמאָנען נאָך אַ דראַמאַטיקער, וועלכער ווערט געוועהנליך דערמאָנט, ווען מען רעדט וועגען דאָס אידישע דראמא. אָבער דאָס בין איך אליין, און איך קאָן ביי מיר נישט פועלן, וועגען זיך אליין צו רעדען. איך ווייס: ווען דער בעריהמטער עסטרייכישער שריפטשטעלער הערמאַן באהר האָט געשריעבען איבער „דאָס יונגע עסטרייך“, האָט ער זיך אַליין אוועקגעגעבען אַ גאַנץ קאַפּיטעל און דאָס גרעסטע. איך ווייס: ווען אייניגע אידישע דראמאטיקער האַלטען פאָרלעזונגען איבער דראמא, בעציהען זיי זיך בלויז אויף זייערע אייגענע דראַמען. אָבער איך וויל אויסמיידען שלעכטע אויסטייטשונגען און לאָז מיך איבער פאַר דעם צוקונפטיגען היסטאָריקער פון דעם אידישען דראמא, זאָל דער, ווער עס קען מיינע דראמען, פאָרלויפיג אַליין פערגלייכען זיי מיט דעם, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט אין די אַלע קאַפּיטלעך, און אַליין אויסמאַכען, וואוהין מיינע ווערק געהערען און וואָס איז זייער ווערטה. איך

רעאליטעט, העבען אן אויסצוזעהן ווי ווירקליכע מענשען, אבער די

שרייבער האָבען אין זינען דער עיקר דעם ערפאָלג ביי די קויפער פון זייערע פּיעסען און דערטרינקען זייער לעפּעל קונסט־האָניג אין א פעסעל שונד־דזשעגעכטס. דיביידע ערסטע אקטען האָבען דאס נאָך בשותפות, וואָס זייער אינהאַלט איז דאס רוב געבאָרגט, נישט־אָריגינעל און נישט־אידיש. דאן קומט דער דריטער אקט, וואו דאס שונד־עלעמענט פערשווינדט אין גאנצען, די ווערק ווערען דורכגעדרונגען מיט דעם ערנסטען שטרעבען צו קונסט, און דער אינהאַלט ווערט זעלבסטשטענדיג און אידיש.

דער וועג, וועלכען דאָס אידישע דראמא מוז אָננעמען אום צו קומען צו א ווייטערער ענטוויקלונג, צו אויפבליהונג און פערשטאַר־קונג, ליעגט אָהן ספק אין דער זייט פון דעם דריטען אקט. אָבער אויך די גרעסערע ביהנענמעסיגקייט און טעאַטראַליק פון דעם צווייטען אקט טאָר נישט פערנאַכלעסיגט ווערען. דער קונסט־ערנסט פון דעם דריטען און די טעאטראַליק פון דעם צווייטען וועלען צוזאמענשטעלען דעם פיערטען אקט.

וויל איהם דאָ נור אונטערהעלפען מיט אויפפרישען אין זיין זכרון זייערע נעמען און זייער כראָנאָלאָגיע. — מיינע דראמאטישע ווערק זיינען: „יסורים“, איינאקטער (1899), „אייזיק שעפטעל“, ארבייטער־דראַמע אין דריי אַקטען (1899), „די מוטער“, דראַמע אין דריי אַקטען (1901), „די פאַמיליע צבי“, טראַגעדיע פון דעם איינציגען און לעצטען אידען, אין 4 אַקטען (1903), „גליקפערגעסענע“, איינאַקטער (1904) „דער אוצר“, טראַגישע קאָמעדיע אין 4 אַקטען (1906), דער איינאַקטער „דער אייביגער איד“, ערסטער טייל פון אַ משיח־טעטראלאָגיע (1906), „יענקעל דער שמיעד, פּיעסע אין 4 אַקטען (1906). איך מאַך אויפמערקזאַם, אַז איך האָב דאָ אָנגעגעבען דעם טיטעל פון דער „פאַמיליע צבי“ אַביסעל אויספיהרליכער, ווי אויפ'ן שער־בלאַט. איך האָב דאָס געטאָן דערפאַר, וואָס עטליכע קריטיקער האָבען זי שלעכט פערשטאַנען און פאַלש אויסגעטייטשט און פערשפּרייט די מיינונג, אַז די טראַגעדיע פון דעם איינציגען און לעצטען אידען, וועלכער הייסט ביי מיר משה צבי, איז אַ פּאָגראָם־דראמא א לא טשיריקאָווס „אידען“.

אייביגער יוד. „אחשור“ אַ לעבענס בילד פון די יודען אין רוס־
לאַנד, אין 1 אקט פון הערמאַן הייערמאַן 7 ס.
דאָס אייביגע ליעד, אַ בילד פון ארבייטער לעבען אין 1 אַקט,
פון מארק ארענשטיין 10 ס.
אאידא, אָפּערא אין 4 אַקטען, פון דזשוזעפּע ווערדי, 5 ס.
איינזאמע וועלטען, אַ דראמא אין 1 בילד, פון פּרץ הירשביין 5 ס.
אין דער פינסטער, אַ דראמאטישער עטיוד, פון פּרץ הירשביין 6 ס.
דער אינטעליגענט, דראמא אין 3 אַקטען פון פּרץ הירשביין 20 ס.
איטשע־מאיר צו די וואהלען, אָדער די יום־טוב'דיגע מנחה, אַ
דראמא אין 1 אַקט, פון מ. ווידרעוויטש 6 ס.
אין דער פינסטערניס, פון מאליי 20 ס.
אלישע בן אבויה, היסטאָרישע דראמא אין 4 אַקטען, פון
יעקב גאָרדין, 15 ס.
אמעריקאנער ארבייטער, פון י. טער 10 ס.
אננאַ קארעניגאַ, דראמא אין 4 אַקטען פון י. זאלאטארעווסקי 20 ס.
אלגעמיינער סטרייק אין רוסלאַנד, אָדער רויבער ז'ורף נויט, אַ
מוזיקאלישע מעלאָדראמא אין 4 אַקטען, פון הערמאַן
שטיפט, 12 ס.
די אמת'ע קראַפט, דראמא אין 4 אַקטען פון י. גאָרדין 20 ס.
אסתרקע, אָדער די יודישע טאָכטער אלס פּוילישע קעניגין,
היסטאָרישע דראמא אין 5 אַקטען מיט 9 בילדער
פון ה. עפּפּעלבערג, 20 ס.
ארבייט און קאַפּיטאל, פון אָקטאַוו מירבאַ — —
אשה רעה, די שלעכטע פרוי, אָפּערעטטע אין 4 אַקטען,
פון י. לאַטיינער, 20 ס.
דיא באָבע מיט'ן אייניקעל, מעלאָדראמא אין 3 אַקטען,
פון א. גאָלדפאדען, 10 ס.
בטלן, אָדער האָכצייט פער שפּאַס לעבענסבילד אין 4 אַקטען,
פון נ. ראַקאָוו, — —
בוסתנאי חוטר מגזע ישי, היסטאָרישע אָפּערעטטע אין 5 אַק־
טען אונר פּראָלאָג, פון א. אויערבאך 25 ס.
בחורים, קאָמעדיע אין 1 אַקט, פון יצחק קאַצענעלזאָהן, 12 ס.
דאָס ברענענדע הויז, לעבענסבילד אין 4 אַקטען, פון י. ל.
וואָהלמאַן, 20 ס.

בית דוד, היסטאָרישע אָפּערעטטע אין 4 אַקטען, פון מ. האראוויץ 20 ס.

ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק, דראַמאַטישע פּאָעמאַ אין 4 אַקטען, פון י. ל. פּרץ, 30 ס.

בליהמעלע, אָדער די פּערעלע פון ווארשא (עלילת דם), אָפּע־רעטטע אין 5 אַקטען, פון י. לאַטיינער 20 ס.

בן הדור, היסטאָרישע אָפּערעטטע אין 4 אַקטען, פון י. האראוויץ, 20 ס.

בעלאַגערונג פון טולטשין, אַ היסטאָרישע דראַמאַ פון באָגדאַן חמעלניצקי'ס צייטען, אין 5 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג, פון אברהם רייזין 20 ס.

1) דער בער; 2) דער שידוך, קאָמעדיעס אין 1 אַקט, פון אַנטאָן טשעכאָוו 10 ס.

בר כוכבא, מעלאָדראַמאַ אין 4 אַקטען, פון א. גאָלדפאַדען 10 ס.

בת שבע, אָדער דאָס ווינש פינגעריל, פאַנטאַסטישע אָפּע־רעטטע אין 4 אַקטען, פון י. לאַטיינער, — —

ביידע קוני לעמעלס, אָפּערעטטע אין 4 אַקטען, פון א. גאָלדפאַדען 10 ס.

גאָט פון נקמה, אַ דראַמאַ אין 3 אַקטען, פון שלום אַש 35 ס.

גאָט, מענש און טייוועל, פון י. גאָרדין 25 ס.

דער גט, אַ סצענע אין 1 אַקט, פון שלום עליכם 10 ס.

די גייסטער, פאַמיליען דראַמאַ אין 3 אַקטען, פון הענריק איבסען 20 ס.

גליקס פערגעסענע, אַ דראַמאַ אין 1 אַקט, פון דוד פּינסקי 6 ס.

דאָס גליק, דראַמאַ אין 3 אַקטען, פון סט. פּשיבישעווסקי 10 ס.

דער גנב, אַ פּיעסע אין 1 אַקט, פון אָקטאַוו מירבאָ, 10 ס.

געבראָכענע הערצער, דראַמאַ אין 4 אַקטען (לעבענס בילד), פון ז. ליבין 20 ס.

געברידער לוריא, לעבענסבילד אין 4 אַקטען, פון י. גאָרדין 20 ס.

געשעפט איז געשעפט, קאָמעדיע אין 3 אַקטען, פון אָקטאַוו מירבאָ, 25 ס.

דאָראַ, דער מיליאָנער אַלס בעטלער, דראַמאַ אין 4 אַקטען, פון א. שליעפּערשטיין 20 ס.

דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ, היסטאָרישע אָפּערעטטע אין 5 אַקטען און 11 בילדער, פון א. גאָלדפאַדען 10 ס.

די דיענסט. א פּאָגראָם בילד אין 1 אַקט, מ. ערליך 5 ס.

דאַנטאַנס טויט, א טראַגעדיע אין 3 אַקטען, פון געאָרג ביכנער 10 ס.

א דאָקטאָר, א שפּאַס אין 1 אַקט, פון שלום עליכם 8 ס.

דבורה'לע מיוחסת, לעבענסבילד אין 4 אַקטען, פון י. גאָרדין 20 ס.

דוד'ס פיעדעלע, לעבענסבילד אין 4 אַקטען, פון י. לאַטיינער 20 ס.

דוד'ל משורר, פון י. גאָרדין — —

דוד אין דער וויסטע, אָדער גלית הפלשתי, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען מיט 12 בילדער, פון ה. עפּפּעלבערג 20 ס.

דעקאַדענט, קאָמעדיע אין 1 אַקט, פון יצחק קאַצענעלענזאָהן 12 ס.

דעמערונג א פּאָעמא אין 3 אַקטען, פון פּרץ הירשביין 20 ס.

דעקטוך 8 ס.

דראַמאַטישע ווערק, זיבען 1־אַקטיגע דראַמעס פון י. ל. פּרץ, 1) ער און זי; 2) שוועסטער; 3) נאָך קבורה; 4) א פריה מאָרגען; 5) שאַמפּאַניער; 6) ס'ברענט; 7) וועגען קינדער 35 ס.

הדסה, די חלוצה, א דראמא אין 4 אַקטען, פון ש. בעקערמאַן 20 ס.

דער הונגער, דראמא אין 4 אַקטען, פון ס. יושקעוויץ 20 ס.

הוגענאָטען, האַלקע, האַמלעט, — יעדע צו 10 ס.

הינדאַ אידעלסאָן, דראמא אין 5 אַקטען, פון דר. ק. שטיינבערג 20 ס.

הערצעלע מיוחס, לעבענסבילד אין 4 אַקטען, פון מ. ריכטער 20 ס.

וואר'הייט, פון י. גאָרדין — —

ווייטע און נאָהענטע, בילדער אין 4 אַקטען 10 ס.

דיא ווילדע פּרינצעסין, היסטאָרישע דראמא אין 4 אַקטען, פון י. גאָרדין, 25 ס.

דער וויצע קעניג, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען, פון ס. פיינמאַן — —

דער ווילדער מענש, לעבענבילד אין 5 אַקטען, פון י. גאָרדין 20 ס.

ווילנער בעל הבית'על, דראמא אין 4 אַקטען, פון מארק ארנשטיין 25 ס.

דיא וועבער, דראמא אין 5 אַקטען, פון גערהאַרד הויפּטמאַן 15 ס.

ווען מיר טויטע ערוואַכען, א דראמאַטישער עפּילאָג אין 3 אַקטען, פון הענריק איבסען 20 ס.

זעלטענער ברית, און א געגנאַרטע חתונה, דראמא אין 4 אַקטען, פון אולריך קאַלמוס 15 ס.

וועלט־בעריהמטע אפעראס, סוזשעט און מויזק פון 25 בעסטע איטאליענישע, פראנצויזישע און דייטשע אפעראס, ערקלעהרט און קריטיקירט פון וו. עדלין, (פיין געבונדען 50 סענט) 35 ס.

זשאן און מאדלענע (די שלעכטע פיהרער), א דראמא פון ארבייטער לעבען, אין 5 אקטען, פון אקטאוו מירבא 15 ס.

זשידאווקא, א טראגעדיע אין 5 אקטען, פון י. לערנער 15 ס.

זרבבל, אדער שיבת ציון, א דראמא אין 5 אקטען, פון מ. ל. לילענבליום 25 ס.

חנוכה, היסטארישע דראמא, פון י. לערנער 15 ס.

חנה'לע די נעהערין, לעבענסבילד אין 4 אקטען, פון פיינמאן — —

חינקע פינקע, אדער גבריאל דער מאליער, מעלאדראמא אין 4 אקטען, 9 בילדער, פון י. לאטיינער 20 ס.

חפני און פנחס, אדער דגל מחנה יהודה, מעלאדראמא אין 4 אקטען, פון א. שארקאנסקי 20 ס.

חרבן ירושלים, היסטארישע אפערעטטע אין 5 אקטען, פון י. לאטיינער 20 ס.

טאטע מאמעס צרות, לעבענסבילד אין 4 אקטען, פון ל. געבעל 20 ס.

טראוויאטא, אפערא אין 3 אקטען, פון דזשוזעפע ווערדי 5 ס.

טרייע ליעבע, קאמעדיע אין 4 אקטען, פון ז. פרומקים 30 ס.

יהודית און אליפארנוס, פיעסע, פון י. לערנער 20 ס.

די יודישע גמינע, א בילד אין 1 אקט, פון מ. ד. ווידרעוויטש 10 ס.

יודעלע, אדער אמת ושקר, פאלקסשטיק אין 4 אקטען, פון י. לאטיינער — —

דער יודישער קעניג ליר, דראמא אין 4 אקטען, פון י. גארדין 20 ס.

יודען, פיעסע אין 4 אקטען, פון י. טשיריקאוו 25 ס.

א יידישע טראגעדיע, א דראמא אין 5 אקטען, פון ח. י. קרעמער 25 ס.

יידישע אקטיארען אויף דער רייזע, א קאמעדיע אין 3 אקטען, פון א. י. קאמינסקי 12 ס.

יוליוס און העלענא, לעבענסבילד אין 4 אקטען, פון ל. גאטליעב 15 ס.

יעקב ביי לבן אין חרן, א ביבלישע דראמא אין 5 אקטען, פון ח. א. מושקאט 10 ס.

דער ישיבה בחור (אדער דער יודישער האמלעט), א פיעסע אין 4 אקטען און 6 בילדער, פון זאלאטארעווסקי 15 ס.

דיא יתומה, א דראמא אין 4 אַקטען, פון י. גאָרדין 15 ס.

כבוד אָב, דאס 5טע געבאָט, מעלאָדראַמא אין 5 אַקטען,
פון י. לאַטיינער — —

כישופמאַכערין (צויבערין), אָפּערעטטע אין 5 אַקטען און
8 בילדער, פון מ. גאָלדפאַדען 10 ס.

כל נדרי, היסטאָרישע אָפּערעטטע אין 4 אַקטען,
פון א. מ. שאַרקאַנסקי 15 ס.

לא תחמוד, קאָמישע אָפּערעטא אין 5 אַקטען, א. גאָלדפאַדען 20 ס.

ליגנער אָדער טאָדרעס בלויז קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען
א. גאָלדפאַדען — —

לעצטע חשמונאים, אָדער קעניג הורדוס היסטאָרישען דראמא
אין 4 אַקטען, י. ל. וואהלמאַן. 20 ס.

מאָטי מלך, דער סטאָליאר, לעבענסבילד אין 4 אַקטען, פון
ז. קאָרנבליטה 20 ס.

מאַמאָן, דער געלד גאָט, אָדער קרח'ס אוצרות, היסטאָרישע
אָפּערעטטע אין 4 אַקטען, פון י. לאַטיינער 20 ס.

דער מאַן אונטער'ן טיש, וואָדעוויל אין 1 אַקט, פון י. לאַטיינער 10 ס.

די מוטער, דראמא אין 3 אַקטען, פון י. שטיינבערג 25 ס.

מזל טוב, א קאָמעדיע אין 1 אַקט, פון שלום עליכם 10 ס.

מטורף, דראמא אין 4 אַקטען, פון י. גאָרדין 20 ס.

מירעלע אפרת, די אידישע קעניגין ליר, לעבענסבילד אין
4 אַקטען, פון י. גאָרדין 25 ס.

מישקע און מאָשקע, אָדער די אייראָפּייער אין אמעריקא — —

מכירת יוסף, טהעאטער שטיק אין 7 אַקטען, פון א. צונזער 20 ס.

מליץ יושר (רבי יאָזעלמאַן), פון א. גאָלדפאַדען 10 ס.

מעדעא, א היסטאָרישע טראַגעדיע אין 4 אַקטען, פון י. גאָרדין 20 ס.

משיח'ס צייטען, א שוישפּיעל מיט געזאַנג, אין 6 אַקטען,
פון א. גאָלדפאַדען 20 ס.

משיח'ס צייטען, א חלום פון מיין פאָלק, א דראמא אין
3 אַקטען, פון שלום אש 30 ס.

משה חיט, לעבענסבילד אין 5 אַקטען, פון מ. ריכטער 20 ס.

משה סאָלדאט, לעבענסבילד אין 4 אַקטען, פון שמ"ר — —

משוגעים הויז, א דראמא אין 1 אַקט, פון ד. פּינסקי 5 ס.

נאָך'ן שטרייק, א קאָמעדיע אין 3 אַקטען, פון ג. טשורני 15 ס.

נארא, א דראמא אין 3 אקטען, פון הענריק איבסען 15 ס.
(פראכטפאל געבונדען 35 סענט).
נבלה, דראמא אין 4 אקטען, פון פרץ הירשביין 10 ס.
נס חנוכה, דראמא אין 5 אקטען, פון מ. א. בעלינסאהן 10 ס.
נתן החכם, דראמא אין 5 אקטען, פון א. לעססינג, איבער־
זעצט פון י. לינעצקי 20 ס.
סאלאמע, א טראגעדיע אין 1 אקט, פון אסקאר ווילד,
איבערזעצט פון י. ענטין 15 ס.
סאפפהא, לעבענסבילד אין 4 אקטען, פיין געדרוקט, פון
י. גארדין, מיט א פארערדע פון דר. זאלאטאראוו, און
די בילד פון דעם פערפאסער 20 ס.
דיא סדר נאכט, לעבענסבילד אין 4 אקטען, פון י. לאטיינער 20 ס.
סערקעלע, אדער דיא פאלשע יאהרצייט, קאמעדיע אין 5 אק־
טען 20 ס.
עזריה גבור חיל (דער טאפפער העלד), היסטארישע אפע־
רא אין 4 אקטען, פון ס. פיינמאן 20 ס.
עזרא, דער עוויגער יודע, אפערעטטע אין 4 אקטען און
10 בילדער, פון י. לאטיינער 20 ס.
עקדת יצחק, אדער סדום ועמרה, ביבלישע אפערעטטע אין
4 אקטען, פון א. גאלדפאדען 20 ס.
די ערד, א דראמא אין 3 אקטען, פון פרץ הירשביין 25 ס.
עתליהו, ביבלישע שוישפיעל אין 4 אקטען, פון מ. הורוויטץ
הלוי 20 ס.
פאוסט, אפערא אין 4 אקטען, פון שארל גונא 5 ס.
דער פאלקס פיינד, שוישפיעל אין 5 אקטען, פון הענריק איבסען 15 ס.
דער פאטער און זוהן, דראמא, פון ס. אנ—סקי 5 ס.
די פאמיליע צבי, טראגעדיע אין 4 אקטען, פון דוד פינסקי 12 ס.
פאר טאג, א דראמאטישע פאעמא אין 4 אקטען, פון א. ווייטער 20 ס.
פאר'ן שטורם, דראמא אין 3 אקטען, פון לעאפאלד קאמפף 20 ס.
די פרוי פון ים, דראמא אין 5 אקטען, פון הענריק איבסען 25 ס.
צווייטער המן, היסטארישע אפערעטטע אין 5 אקטען, פון שמ"ר 20 ס'
צוריק געקומען, טעאטער־שטיק אין 2 אקטען, פון ש. אש — —
צעזייט און צושפרייט, בילדער פון דעם יודישען לעבען אין
3 אקטען, פון שלום עליכם 28 ס.